בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קודש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## זכור (ויקרא) תשי"ד

**וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב**

ביאור מצות "זָכוֹר", וזמן חיובו מן התורה • משא ומתן בשיטת המהר"ם שיק דשיעור שכחה הוא י"ב חודש • ענין הכרזת אבידה בג' רגלים • שיטת המגן אברהם דיכולין לצאת בפורים בקריאת וַיָּבֹא עֲמָלֵק • מחיית עמלק תלוי בנצחון מלחמת היצר, ע"י תשובה ומעשים טובים • אין להשתמש באותן 'הלשונות' שמשתמשים בו הרשעים ושקרנים • ביאור הגמרא מנחות: דבפרשת קרבנות נאמר רק שם הוי"ה • כלי יקר: גם הַמִּשְׁקָל צֶדֶק שביד הרמאי הוא בכלל תועבת ה' • זוהר: למה לא נברא העולם באות ש' שהוא אתווא דקשוט • המשתוקק להתדבק בדרכי הצדיקים, נשמתו מקושרת עם האמת, ומקבל שכר כיוצא בהם, אף בדור השפל הזה •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ב לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

הקונטרסים שיצאו בשנים שעברו אין רשות להעתיקם ולהפיצם וּשְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל לֹא יַעֲשׂוּ עַוְלָה, וכבר נאמר וְאַל תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה (איוב יא, יד).

צו מנדב זיין לרגל אַ **שמחה** אַ **יאָרצייט** רופט: 1-718-388-5519

**לשון קדשו - קונטרס רלב** | (58 מינוט) **קלאָר** ★★★★☆

**לשון קדשו** צענטראלע נומער:
**929-522-1515**
דרוק **1** צו הערן די **רעקארדינגס**: דערנאך **232**
פאר הערות דרוק **3**

ארץ ישראל: **072-3275205**
קאנאדא: **438-797-0770**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→6→814**

**צו מנדב זיין דורכ׳ן טעלעפאָן** (דאָנערי): **#1700 845-366-2793**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **זלמן לייב פעלדמאן** הי״ו
לרגל נישואי בנו החתן **יעקב דוב** נ״י
עב״ג בת הר״ר **יואל שלום עלפער** הי״ו

הר״ר **יואל הארטמאן** הי״ו
לרגל אירוסי בנו החתן **גדלי׳** נ״י
עב״ג בת הר״ר **אליעזר וואלף גראס** הי״ו

הרב **אלעזר קליין** שליט״א
לרגל אירוסי בנו החתן **יואל שלמה זלמן** נ״י
עב״ג בת הר״ר **מנחם דוד לאנדא** הי״ו

הר״ר **שמעון ליבערמאן** הי״ו
לרגל אירוסי בתו - עב״ג החתן **יעקב אליעזר** נ״י
בן הר״ר **יודא ארי׳ קויפמאן** הי״ו

הר״ר **ישכר בעריש שעהנברוין** הי״ו
לרגל אירוסי בנו החתן **אהרן** נ״י - עב״ג
בת הר״ר **ישראל ניימאן** הי״ו

הר״ר **יקותיאל מרדכי פריעדמאן** הי״ו
לרגל אירוסי בתו - עב״ג החתן **דוד** נ״י
בן הר״ר **חיים ארי׳ שווארטץ** הי״ו

הר״ר **יואל וויינשטאק** הי״ו - לרגל הולדת בנו
והזמן גרמא להכיר לו טובה על הערותיו הנכונות
מידי שבוע בשבוע — **מערכת לשון קדשו**

ברכת רבינו יחול על ראשם, וזכות לימוד תורה דרבים וזכות רביה״ק זי״ע יגן עליהם,
ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, ע״ד ישראל סבא, לעטרת תפארת אבותם.

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרה״ח איש חיל ורב פעלים,
דבוק ברביה״ק מנעוריו מבית אבותיו, ועמד לימינו לטובת
הקהלה והמוסדות, ובפרט בהקמת עיר קרית יואל
מוה״ר **משה** ז״ל **אייזענבערג**
בן הר״ר **אלימלך** ע״ה מדעברעצין
נפטר ביום ט׳ אדר תש״פ

הרבני החסיד זהיר במצות וירא שמים מרבים,
דבק ברביה״ק זי״ע בכל נימי נפשו ועסק בתורתו בקביעות
רבי **שלום יחזקאל** ב״ר **יהושע** ז״ל
**שווארץ**
נפטר י׳ אדר תשס״ח לפ״ק

האשה החשובה יראת ה׳ אוצרה, גמלה חסד לזולתה,
ועמדה לימין בעלה ברוב פעולותיו להציל נפשות ישראל
מרת **חנה** ע״ה ב״ר **אשר יצחק** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **צבי אפרים פישל באב״ד** ז״ל
נפטרה ז׳ אדר ב׳ תשע״ט לפ״ק

**לע״נ הרה״ק ר׳ נתן בן נפתלי הירץ מוהרנ״ת מברסלב זצוק״ל**

לע״נ הר״ר קלונימוס (קלמן) ב״ר מרדכי אהרן ז״ל

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בפרשת זכור

בפרקי דרבי אליעזר שואל כיצד יתקיימו שני הכתובים, זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת, וגם זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. ומתרץ זה זכרהו לענגו ולקדשו, וזה זכרהו לאבדו

**דער מדרש זאָגט אין פרקי דרבי אליעזר[א]:**

**כתוב אחד אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, וכתוב אחד אומר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, כיצד יתקיימו שניהם, אלא זה זָכְרֵהוּ לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְּגוֹ, וזה זָכְרֵהוּ לְהֶמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ. ס'איז אינו דומה כוס של קוֹנְדִיטוֹן[ב] לכוס של** [חֹמֶץ]**, זה זָכְרֵהוּ לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְּגוֹ, וזה זָכְרֵהוּ לְהֶמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ.**

ב

### קושיא א

וצרך להבין שאלת המדרש כיצד יתקיימו שניהם, דמה קשה לו בזה

**א) איז דאָך עפּעס אַ פֶּלֶא, זיי פרעגן דאָך אַלע מפרשים אויף דעם מדרש, וואָס איז די 'קשיא' כיצד יתקיימו שניהם, וויאַזוי קען מען,** [ואינו מובן] **וואָס ער ווייסט דאָ נישט.**

ג

### קושיא ב

וכן צ"ב מה מחדש בהתירוץ, דהלא מובן מאיליו דזה זכרהו לקדשו, וזה זכרה לאבדו

**ב) און וואָס איז דער 'תירוץ'** [מה נתחדש לו בתירוצו]**. מ'ווייסט דאָך אַז דעס איז לְקַדְּשׁוֹ, און דעס איז פאַרקערט, ס'איז לְהֶמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ.**

ד

### קושיא ג-ד

כעין זה איתא גם בפסיקתא, ששאל משה דהלא רק הצדיקים כתב בהם זִכָּרוֹן, ואמר לו הקב"ה, חייך זכרונם של צדיקים כדי ליתן להם מתן שכר לעתיד לבא, וזכרונם של רשעים כדי ליפרע מהם ולמחות שמם. וגם בזה קשה להבין מה היה השאלה, וכן מה חידש לו בהתירוץ

**כעין זה איז דאָ, ס'שטייט אין די פסיקתא דרב כהנא[ג], בשעה שהקדוש ברוך הוא**

---

[א] **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק מד): רבי פנחס אומר, אחר ארבעים שנה רצה משה להזכיר לישראל ולומר להם זְכוּרִים אתם שאמרתם במדבר הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן (בשלח יז, ז), אלא אמר משה, אם אני אומר לישראל כך הרי אני מגלה את פניהם, והמגלה פנים לחבירו אין לו חלק לעולם הבא, אלא אני אומר להם מעשה עמלק, והם מבינים מה שכתוב לפניו וכו', לפיכך אמר להם משה זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם. ○ אמרו לו ישראל, משה רבינו, כָּתוּב אחד אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, וְכָתוּב אחד אומר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, היאך יתקיימו שניהם, זה זָכוֹר וזה זָכוֹר. אמר להם משה לא דומה כוס של קוֹנְדִיטוֹן לכוס של חֹמֶץ, זה כוס וזה כוס, זה זָכוֹר לשמור ולקדש את יום השבת, וזה זָכוֹר להשמיד ולהכרית את כל זרעו של עמלק, שנאמר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' וכו', וכשתבא לארץ לֹא תִּשְׁכָּח.

וכענין זה הוא **בתנחומא כי תצא** (סימן ז): **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ וגו'. כאן כתיב זָכוֹר, ובשבת כתיב זָכוֹר,** שניהם שוין, אמר שלמה (קהלת ב, טו-טז) אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי כְּמִקְרֵה הַכְּסִיל גַּם אֲנִי יִקְרֵנִי וְלָמָּה חָכַמְתִּי אֲנִי אָז יוֹתֵר, ואמרתי כִּי אֵין זִכְרוֹן לֶחָכָם עִם הַכְּסִיל לְעוֹלָם. אף על פי שכתוב בשבת זָכוֹר, ובעמלק זָכוֹר, אינן שוין. אמר שלמה כְּמִקְרֵה הַכְּסִיל גַּם אֲנִי יִקְרֵנִי, משל למה הדבר דומה, למלך שעשה סעודה וזימן את האורחים, נכנס הקערה לפניו מלא כל טוב, אמר זְכוֹר פלוני אוֹהֲבִי. מִשֶּׁקִּנַּח את הקערה אמר זְכוֹר פלוני שׂוֹנְאִי, אמרו לו אוהביו זה הִזְכַּרְתָּ וזה הִזְכַּרְתָּ, אמר להם לזה הזכרתי על קערה מלא כל טוב, ולזה הזכרתי על קערה ריקם. כך הַשַּׁבָּת כתיב בה זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת 'לְקַדְּשׁוֹ', ולכבדו במאכל ובמשתה ובכסות נקייה, וּבַעֲמָלֵק כתיב זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, על מה אתה זוכרו, על שולחן ריקה, שנאמר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם.

[ב] פירוש: יַיִן שנתן בו דבש ופלפלים, והוא משקה חשוב ומשובח.

[ג] **בפסיקתא רבתי דרב כהנא** (פרשה יב): **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.** ילמדנו רבינו, העובר בין הקברות כיצד הוא חייב לברך, ברוך היודע מספר כולכם וכו'. הרי צריך אדם אם היה עובר בין הקברות והיה יודע שצדיק קבור שם, צריך להזכירו במעשיו, אמר שלמה (משלי י, ז) זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. אמר ריש לקיש, כשהקב"ה מזכיר

KolSatmar.com

אמר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, אמר משה הלא כתיב זִכָּרוֹן בצדיקים, אמר לו הקדוש ברוך הוא צדיקים זִכְרָם לִבְרָכָה וְלַחַיִּים, וזה זִכְרוֹ לְהַמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ.

דאָס איז אויך כעין זה די זעלבע זאַך.

ג) [וגם כאן צריך ביאור הקושיא] וואָס האָט ער אים דאָ געפרעגט הלא כתיב זִכָּרוֹן לצדיקים.

ד) [וכן התירוץ צריך ביאור, דהלא דאָס] ווייסט מען דאָך אַז דאָס איז אַן אַנדערער זִכָּרוֹן, אַן אַנדערער סאָרט זאַך.

ה

ס׳איז דאָ פְּשָׁטִים שונים.

נאָר וואָס ס׳דאַכט זיך מיר [באופן] פָּשׁוּט, וואָס ס׳איז אפשר דער פְּשַׁט.

ו

# קושיות ודקדוקים בפרשת ויקרא

ס׳שטייט דאָ אין פרשת ויקרא, - אין די וואָכעדיגע סדרה, אין די פרשה פון ויקרא, - אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם "קָרְבָּן לַה׳".

ז

בגמרא מנחות: בפרשת קרבנות לא נאמר בהן לא קֵל ולא אֱלֹקִים, אלא ה׳, שלא ליתן פתחון פה לבעל דין לחלוק לומר ח"ו ענין שתי רשויות. וביאר במהרש"א, דרק שם הוי"ה נקרא רק על הקב"ה, משא"כ בשאר שמות

די גמרא זאָגט סוף מנחות[ד], אמר רבי שמעון בן עזאי, בוא וראה שאין כתיב בקרבנות לא קֵל ולא אֱלֹקִים, אלא לַה׳, [וכגון] קָרְבָּן לַה׳, אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה׳. ס׳שטייט נישט אין ערגעץ ביי קרבנות [דער] לשון קֵל און לשון אֱלֹקִים. [כדי] שלא ליתן פתחון פה לבעל דין לחלוק.

זאָגט רש"י, שלא ליתן פתחון פה לבעל דין לחלוק מ׳זאָל זאָגן שתי רשויות.

[וביאר המהרש"א[ה], כי לשון] קֵל קען מען זאָגן [על ענינים אחרים, ווי] ס׳שטייט (תשא לד, יד) לֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל אַחֵר, און אלקים שטייט אויך אֱלֹהִים אֲחֵרִים, קאָן מען זאָגן חלילה פאַר די עבודה זרה, [און מ׳וועט קענען] זאָגן שתי רשויות. איבערדעם שטייט נאָר דער שם הוי"ה.

---

לצדיק הוא מזכירו לטובה וכו׳, אבל כשיבא להזכיר הרשע הוא מזכירו לרעה, ומי היה זה, זה היה עמלק. ○ שבשעה שבא לעשות מלחמה עם ישראל מה הקב"ה אמר למשה, כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר (בשלח יז, יד), אמר לו משה, רבון העולמים, הצדיקים כתב בהם זִכָּרוֹן, אמר לו הקב"ה, חייך זכרונם של צדיקים כדי ליתן להם מתן שכר לעתיד לבא, זכרונם של רשעים כדי ליפרע מהם ולמחות את שמם, ממה שקראו בענין, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר וגו׳ תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק.

[ד] בגמרא מנחות (קי.): תניא, אמר רבי שמעון בן עזאי, בוא וראה מה כתיב בפרשת קרבנות, שלא נאמר בהן לא קֵל ולא אֱלֹקִים, אלא ה׳, שלא ליתן פתחון פה לבעל דין לחלוק. [פירש"י: שלא ליתן פתחון פה לבעל הדין. לאומרים רשויות הרבה הן, והדבר מוכיח שזה ששמו כך ציום להקריב לו מנחה, וזה ששמו כך ציום להקריב לו פָּרִים, וזה אֵילִים, לכך נאמר בכולם רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה׳].

[ה] במהרש"א (מנחות שם): מאי כתיב בפרשת קרבנות שלא נאמר בהן קֵל ולא אֱלֹקִים כו׳. משום דהקרבנות על הרוב באין לרצות ולפייס את מדת הדין על חטא האדם, ולא היה לו לכתוב בכולם רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה׳ שהוא מדת הרחמים, אלא שיהיה רֵיחַ נִיחוֹחַ לגבי מדת הדין, קֵל או אֱלֹקִים. ולא נכתב כן, אלא כדי שלא ליתן פתחון פה לבעל דין לחלוק. שלשון זה כתיב גם בעבודה זרה בעבודתה, כגון לֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל אַחֵר, וֵאלֹהִים אֲחֵרִים, שלא יאמרו שהקב"ה שהוא אֱלָקָא דֶּאֱלֹהִים כדלעיל (בגמרא שם) [כי] נתן לאלהים אחרים כח וממשלה בשפלים וצוה לעבדם, לכך כתיב שם ה׳, שאין לעבוד רק לשם המיוחד.

KolSatmar.com

ח

קושיא ה

וקשה למה רק בקרבנות חששה התורה על כך, מה שאין כן בשאר מצות

ה) פרעגן די מפרשים, ס'איז דאָך איבעראַל [גם בשאר כל המצות] די זעלבע [חשש]. ממה נפשך, אַז דו האָסט מורא פאַר דעם, קאָן מען דאָך איבעראַל אַזוי זאָגן. [ואם כן] פאַרוואָס גראָד[ו] דאָ ביי די פרשה פון די קרבנות [הקפיד שלא להזכיר שאר שֵׁמוֹת].

ט

## עוד קושיות ודקדוקים בפרשת זכור

קושיא ו

להבין דיוק הלשון וְהָיָה בְּהָנִיחַ וגו' מִכָּל אֹיְבֶיךָ "מִסָּבִיב"

**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וגו', וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ 'מִסָּבִיב' וגו' תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח.**

ו) [והיה לו לומר רק] וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ, וואָס איז דער "מִסָּבִיב".

י

און אין **אלשיך הקדוש**[ז] איז דאָ [נאָך] אַסאַך דקדוקים דרינגט ער זיך אויף, און ער זאָגט [ליישב] לְפִי דַּרְכּוֹ. [שהקשה שם כנ"ל על אומרו] "מִסָּבִיב".

און אויפן "תִּמְחֶה" אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, [דהלא בפרשת בשלח נאמר כִּי מָחֹה "אֶמְחֶה"].

און פאַרוואָס זאָגט ער הערשט בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ וגו', אַז 'דעמאָלטס' [איז תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק], פאַרוואָס נישט 'תיכף'. דאָס פרעגט אויך דער **אלשיך הקדוש**[ח].

יא

קושיא ז - מתוך הדרוש

ז) [ובספרי (סוף כי תצא) פירשו בפסוק וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וגו', **שלא יאגוד עליך אגודה**. וצריך ביאור הכוונה בזה]. (הקושיא בארוכה בדברי רבינו, להלן באותפט-צג)

קושיא ח - מתוך הדרוש

ח) [גם יש להבין דיוק לשון הכתוב באומרו תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק "מִתַּחַת" הַשָּׁמָיִם דייקא].

(התירוץ בדברי רבינו באות קלד)

יב

# ביאור מצות "זָכוֹר", וזמן חיובו מן התורה

בפרשת זכור יש ג' מצות ממנין תרי"ג

קודם וויל איך מבאר זיין **דאָס ענין** [המצוה, של זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק].

לאָמיר זען, דאָס ענין וואָס ס'איז דאָ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה און ס'איז פון די

---

[ו] פירוש: דווקא.

[ז] **בתורת משה להאלשיך** (תצא כה, יז) הציע עשרים קושיות ודקדוקים על פרשת זכור. ושם (בקושיא טו, טז, יח) כתב וז"ל: טו) אומרו וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' כו', למה מאריך הדבר, וטוב היה כי קודם כל דבר ימחו את זכר עמלק, ואחרי כן יכבשו ארצות שבעה עממין. טז) אומרו מִסָּבִיב, שהיא מלה יתירה וכו'. יח) אומרו 'תִּמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, כי הלא יראה היפך מאומרו יתברך בפרשת בשלח, כי שם נאמר מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק, ופה מייחס ומחייב אותה לישראל.

[ח] והכל מיישב שם לפי דרכו, וכמו שמביא רבינו את דבריו להלן בהדרוש. [אבל רבינו לא מוסיף להלן תירוץ לדרכינו על דיוקים אלו].

KolSatmar.com

**מִנְיַן הַמִּצְוֹת, פון די** [חשבון] **תרי"ג מצות, איז דאָ אין דעם ענין דאָ דריי מִצְוֹת**[ט] **פון די מִנְיַן הַמִּצְוֹת.**

**יג**

א] מצות "תמחה" את זכר עמלק. ובזה יש פלוגתא אם שייך המצוה גם בזמן הזה, ואם החיוב הוא גם על היחיד לאבד עמלקי כשמוצאו. ובפשטות המצוה הוא רק כשיש בידינו למחותם לגמרי

**איינס איז תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק,** [שהוא מצות] **"מְחִיַּת עֲמָלֵק".**

**מוּבָן מֵאֵלָיו, רעכנט דאָך די גמרא אויס** (סנהדרין כ:) **אַז דאָס איז קודם, למנות להם מלך.** [וכמו שאמרו שם] **ג' מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ,** [למנות להם מלך]**, למחות זרעו של עמלק, ולבנות בית המקדש, מ'זאָל אים מוחה זיין 'אינגאַנצן', מָחֹה אֶמְחֶה, 'ווען מ'איז בְּכֹחַ'.**

**יד**

**אין דעם איז דאָ אַ פְּלוּגְתָּא** [בין הרמב"ם והחינוך]**'**[י]**, צי מ'איז מְחוּיָב** [גם בזמן הזה, און] **ווי ווייט** [גייט דער חיוב]**, צי אַ יָחִיד איז** [אויך] **מְחוּיָב.**

---

[ט] **כמבואר בספר המצות להרמב"ם: ○ מצוה קפ"ח** (חלק העשין). **היא שצונו לְהַכְרִית זֶרַע עֲמָלֵק בלבד משאר זרע עֵשָׂו,** זכרים ונקבות קטנים וגדולים, והוא אומרו יתברך **תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק** וכו'. ○ **מצוה קפ"ט. היא שצונו לִזְכֹּר מַה שֶּׁעָשָׂה לָנוּ עֲמָלֵק,** מהקדימו להרע לנו, ושנאמר זה בכל עת ועת, ונעורר הנפשות במאמרים להלחם בו, ונזרז העם לשנוא אותו, עד שלא תשכח המצוה ולא תחלש שנאתו ותחסר מהנפשות עם אורך הזמן. והוא אומרו יתברך **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.** ולשון ספרי, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ בפה, לֹא תִּשְׁכָּח בלב, כלומר אֱמוֹר מאמרים בפיך שיחייבו בני אדם שלא תסור שנאתו מהלבבות וכו'. הלא תראה שמואל הנביא כשהתחיל לעשות המצוה הזאת, איך עשה, שהוא זָכַר תחלה מעשהו הרע, ואחר כך צוה להרגם, והוא אומרו יתברך (שמואל א' טו, ב) פָּקַדְתִּי אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה עֲמָלֵק לְיִשְׂרָאֵל. ○ **מצוה נ"ט** (בחלק הלאוין). **שהזהירנו מִשְּׁכוֹחַ מַה שֶּׁעָשָׂה לָנוּ זֶרַע עֲמָלֵק** והקדימו להזיק לנו. וכבר בארנו וכו' לזכור מה שעשה לנו עמלק ולחדש שנאתו מצות עשה. וכן אנחנו מוזהרין מהשליך זה מלבנו ומשכוח אותו, והיא מצות לא תעשה והוא אמרו יתברך **לֹא תִּשְׁכָּח** וכו'.

וכן **בספר החינוך** (סוף כי תצא)**: ○ מצוה תר"ג: מצוה לזכור מה שעשה עמלק לישראל בצאתם ממצרים.** שנצטוינו **לזכור** מה שעשה עמלק לישראל, שהתחיל להתגרות בם בצאתם ממצרים, בטרם נשא גוי וממלכה ידו עליהם וכו', שהכל היו יראים מהם בשמעם היד הגדולה אשר עשה להם ה' במצרים, והעמלקים ברוע לבבם ובמזגם הרע לא שתו לבם לכל זה, ויתגרו בם, והעבירו מתוך כך יראתם הגדולה מלב שאר האומות וכו'. ועל זכירת ענינם זה נאמר **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם** וכו'. ○ **מצוה תר"ד: מצוה להכרית זרעו של עמלק.** שנצטוינו למחות זרעו של עמלק ולאבד זכרו מן העולם, זָכָר ונקבה גדול וקטן, ועל זה נאמר **תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק,** שבכלל זֵכֶר הוא הכל וכו'. ○ **מצוה תר"ה: שלא נשכח מעשה עמלק שעשה עם אבותינו בצאתם ממצרים.** שנמנענו מלשכוח מה שעשה עמנו עמלק, כלומר התחלתו להזיק לנו, ועל זה נאמר בפרשה זו של עמלק (תצא כה, יט) **לא תשכח.** וכתוב בספרי, זכור בפה, לא תשכח בלב, כלומר לא תשליך שנאתו ולא תסירה מנפשך בענין שתשכח אותה. [וכעין זה הוא נמנה לג' מצות בשאר מוני המצות].

[י] וכמו שכתב **בישמח משה** (סוף פרשת תצא, ד"ה זכור) וז"ל: **בספר החינוך** מצוה תר"ד וז"ל, וזאת מן המצוה המוטלת על הציבור, וכענין שאמרו רז"ל (סנהדרין כ:) **שלש מצות נצטוו ישראל וכו',** ובאמת כי **גם על כל יחיד** וכו' **ובא לידו אחד מזרע עמלק וכו'** [עכ"ל החינוך]. והנה בהגהות מהמשנה למלך כתב **עיין לעיל סימן תכ"ה.** וכוונתו כמו דשם במצות הריגת שבעה עממין, כתב **ועובר על זה ובא לידו אחד מהם וכו',** עיין שם. ורצ"ל דהוא הדין כאן נמי הוי הדין כן, כן הוא כוונת המשנה למלך. ○ **אבל בהרמב"ם** (מלכים ה, ד) כתב, מצות עשה להחרים ז' עממין וכו', וכל שבא לידו אחד מהן [ולא הרגו עובר בלא תעשה, שנאמר (דברים כ, טז) לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, וכבר אבד זכרם]. ובהלכה ה' כתב, וכן מצות עשה לְאַבֵּד זֵכֶר עֲמָלֵק וכו', ולא כתב כלל וכל מי שבא לידו אחד מהן וכו', נראה ברור דמחלק בין מחיית עמלק ובין הריגת ז' עממין. והדין עמו, דבשלמא ז' עממין דכתיב בהו לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, ופירושו שלא נחיה אחד מהן, כמ"ש הרא"ה בסימן תקכ"ח, ור"ל דעל כל נשמה ונשמה בפני עצמו קאי הלאו דלֹא תְחַיֶּה, מה שאין כן העשה דמְחִיָּה, דלא הוי מצוה רק **"למחות זכרו של עמלק",** ואם כן **כל כמה דלא נוכל למחות** [כל] **זכרו, לא הוי המצוה כלל** להרוג וכו' [עיי"ש עוד]. ○ ובאמת הרא"ה שם במצוה תכ"ה כתב בהריגת ז' עממין, דאם בא לידו אחד, ביטל העשה וגם עובר בלא תעשה, דהוא אזיל לשיטתו, אבל הרמב"ם ודאי אינו סובר כן. ונראה [כי] לכל זה כיון הגאון בעל משנה למלך בהגה"ה הנ"ל שכתב **ועיין לעיל סימן תכ"ה,** ר"ל דאזיל לשיטתו דכתב דעובר בעשה דהַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם, אם כן הרמב"ם דלא כתב שעובר בעשה, אם כן גם כאן אין המצוה על אחד מהן, וזה ברור ונכון וכו'. ובאמת **קשה על הרא"ה בספר החינוך, דא"כ אם יפגעו שני אנשים כשרים וצדיקים בְּיַעַר מזרע עמלק במקום שודאי להם שאין רואה** [רצ"ל דבכה"ג אין סכנה

KolSatmar.com

[אָבער על כל פנים] אַזוֹי זעט אוֹיס, אין פַּשְׁטוּת זעט אויס[יא] (כדלעיל סוף אות יג) אַז מ׳איז [נאָר] מְצֻוֶּה ווען סאיז מעגליך ס׳זאָל קומען לידי מְחִיָּה [לגמרי].

## טו

ב] מצות ״לא תשכח״ בלב. ג] מצות ״זכור״ בפה ובספר. וב׳ מצות אלו בודאי נוהגים גם בזמן הזה

ווידעראום איז דאָ ׳די׳ צוויי מצות [אחרות, השייכים גם בזמן הזה], איינס איז לֹא תִּשְׁכָּח, און איינס איז זָכוֹר.

## טז

ווי די גמרא זאָגט, זָכוֹר, איך העט געוואָלט מיינען זָכוֹר איז בְּלֵב [כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמור, הא מה אני מקיים זָכוֹר, בְּפֶה].

ס׳איז אַ ספרי איז עס (סוף כי תצא), [און] די גמרא איז עס מַעֲתִּיק אין מגילה[יב], אויף דעם [לשון המשנה] קְרָאוֹ עַל פֶּה לֹא יָצָא, פון וואַנעט איז [דאָס] געדרינגען, ווייל

---

בדבר], יהיו מחוייבים להרגו, ואם לאו עוברים בעשה, אתמהא, הלא לא ראינו ולא שמענו מאבותינו ורבותינו ואבות אבותינו שיהיו חוששין על זה, ולא חזינן לרבנן קשישאי דעבדי הכי אף במקום שמצוין זרעו של עמלק. ואין לומר דקושיא זו קשה ג״כ על הרמב״ם בז׳ עממין, זה אינו, דהלא כתב הרמב״ם שם דנשכח זכרם, וכמ״ש הרא״ה בספר החינוך שם בסימן תכ״ה דדוד הָרַג והשחית כולם, ולא נשארו רק מתי מספר ונתפזרו ונטבעו בין האומות עד שלא נודע זכרם, עיי״ש. אבל העמלקים בהרבה מקומות הם מצויים מאד, וזה ברור לדעתי כשמש. [ועיין מה שהערנו בזה להלן בהערה נז].

וז״ל רבינו בזה בשו״ת דברי יואל (קיח, טו): דהנה הרמב״ם והרא״ה ז״ל פליגי בזה, דהרמב״ם ז״ל סובר בעשה דהַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם, וכן במחיית עמלק, שאינו שייך כלל בהריגת אחד מהם, דאין העשה אלא להחרימם ׳כולם׳, ואך בלאו דלֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה גם דעת הרמב״ם ז״ל (מלכים ה, ד) שעובר אף באחד מהם שבא לידו ולא הרגו, כי בהלשון דלֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה מפורש דעל כל נשמה ונשמה בפני עצמה קאי הלאו דלֹא תְחַיֶּה, משא״כ עשה דהַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם שפירושו כְּלָיָה, ולא אחד מהם. והרא״ה ז״ל סובר דאף עשה דהַחֲרֵם וגו׳ קאי אפילו על אחד מהם, כאשר הביא כל זה זקיני זלה״ה בישמח משה פרשת תצא בפרשת זכור. ○ ונראה דגם הרא״ה ז״ל סובר דעיקר המצוה הוא המוטלת על הצבור להחרימם כולם, כמו שכתבו כל הראשונים ז״ל, וכפשטיה דקרא, וכן הוא משמעות לשונו של הרא״ה ז״ל, אלא דסובר דאף הריגת היחיד הוא חלק מהמצוה, והקיל בהריגת היחיד שאינו אלא כשאין בו סכנה. ○ והמנחת חינוך נתקשה בזה, דאף שכל המצות נדחים מפני הסכנה, מ״מ מצוה זו שהתוה״ק צותה ללחום עמהם, וידוע דהתוה״ק לא תסמוך דיניה על הנס כמ״ש הרמב״ן (בחקותי כא, יז), ובדרך העולם ודאי נהרגין משני הצדדים בשעת מלחמה, אם כן חזינן דהתורה גזרה ללחום עמהם אף שהוא סכנה, ואם כן דחויה סכנה במקום הזה, וסיים בצריך עיון. ○ ולפענ״ד אפשר לפרש בדעת הרא״ה ז״ל דסובר דממה שגילתה התוה״ק במצוה דהריגת כולם שנדחית הסכנה כיון שאי אפשר לקיים זה בלי מלחמת הצבור שאי אפשר שיהיה בלי סכנה, אין מזה ראיה להריגת היחיד מהם, שעל כל פנים אינו דומה להריגת כולם שהוא עיקר המצוה לכלותם מן העולם, והיכא דגלי קרא גלי, אבל היכא דלא גלי שוב הדרינן לכללא שאין לן דבר עומד בפני פקוח נפש, והריגת היחיד אף שהוא חלק מן המצוה ובלאו דלֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה הוא מעיקר המצוה כמו שביאר הישמח משה דכן הוא הלשון ׳כָּל׳ נְשָׁמָה, אבל מצוה זו דהריגת היחיד יש מציאות לקיימו אף בלי סכנה, כגון שזה היחיד מז׳ עממין שבא לידו הוא חלוש ובלי כלי זיין שלא יוכל עמוד לנגדו, או לפעמים יוכל להיות תחבולה אחרת להריגת היחיד מבלי שיסתכן בדבר, ואין הכרח שהוציא הכתוב הריגת היחיד מן הכלל לחייב אף במקום סכנה, כמו בהריגת כולם שאי אפשר בענין אחר כי אם על ידי סכנה. גם יש סברא דאם יסתכן בהריגת היחיד יוכל להיות שלא יקיים שום מצוה כלל, דאם ח״ו יהרג לא יהרוג אף אחד מהם, משא״כ במלחמת הציבור דמשום הכי הוי הכרח שהוא סכנה, כיון דבדרך הטבע במלחמה ודאי נהרגין משני הצדדים, אם כן עכ״פ יתקיים מצות שיהיו נהרגין מז׳ עממין, וא״א ללמוד הספק מן הודאי וכו׳, ושפיר אפשר להבין דעת הרא״ה ז״ל שלא חייב בהריגת היחיד אלא כשאין סכנה בדבר. ויהיה איך שיהיה, עכ״פ מבואר בדעת הרא״ה ז״ל שמלבד המצוה המוטלת על הציבור ללחום עמהם, שזה עיקר המצוה, יש חיוב גם על היחיד להרוג אף אחד כשבא לידו אם אין סכנה בדבר. [ובדברי רבינו שם, יובן דיוק כל נקודה שמזכיר רבינו כאן בקצרה].

[יא] כדברי הרמב״ם, ולא כסברת החינוך בזה. וכקושית הישמח משה על החינוך, מדלא חזינן שיעשו כן.

[יב] בגמרא מגילה (יח.): קראה על פה לא יצא וכו׳. מנלן, אמר רבא אתיא זכירה זכירה, כתיב הכא (אסתר ט, כח) וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים, וכתיב התם (בשלח יז, יד) כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר, מה להלן בְּסֵפֶר אף כאן בְּסֵפֶר. וממאי דהאי זכירה ׳קְרִיאָה׳ היא, דלמא ׳עִיּוּן׳ בעלמא, לא סלקא דעתך, דתניא (בספרי סוף כי תצא) זָכוֹר [אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק], יכול בְּלֵב, כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח, הרי שכחת הלב אמור, הא מה אני מקיים זָכוֹר, בַּפֶּה.

KolSatmar.com

**ס'שטייט זכירה זכירה,** [כתיב הכא וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים, וכתיב התם כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר, מה להלן בְּסֵפֶר אף כאן בְּסֵפֶר]. - **אין** [מגילה] **דף י"ח.** -

**פרעגט די גמרא** [ומאי דהאי זכירה קריאה היא], **ודילמא עיונא בעלמא, פון וואַנעט ווייס איך אַז מ'מוז אַרויסזאָגן מיטן 'מויל'. ענטפערט די גמרא לא סלקא דעתך, ווייל ס'שטייט זָכוֹר,** [ותניא] **יכול העט איך געוואָלט מיינען זָכוֹר בְּלֵב, כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמור, אלא מאי זָכוֹר מיינט מען זָכוֹר בְּפֶה.**

**יז**

**על כל פנים איז דאָך דאָ צוויי מִצְוֹת** [שנוהג גם עתה בזמן הזה].
**איינס לֹא תִּשְׁכָּח מ'זאָל נישט פאַרגעסן, בְּלֵב זאָל מען נישט פאַרגעסן.**
**און** [איינס] **זָכוֹר, אַז מ'זאָל געדענקען בְּפֶה.**

**יח**

ובמצוות אלו הנוהגים גם בזמן הזה, הנה מצות "לא תשכח" הוא מצוה תמידית הנוהג בכל השנה, והשיעור בזה הוא אצל כל אחד לפום שיעורא דיליה בכח השכחה, שלא לשכוח מה שעשה עמלק, ולא להסיר השנאה מלבנו, והוא מהמצות התלויות "בלב" בלבד

**לאָמיר זען דעם ביאור פון די צוויי מִצְוֹת וואָס מ'זעמיר מְצֻוֶּה געוואָרן אין די תרי"ג מצות** [והם נוהגים גם בזמן הזה]. **'ווען' ס'איז דאָ דער לֹא תִּשְׁכָּח בְּלֵב, און זָכוֹר בְּפֶה. 'ווען' איז מען מקיים דעם לאו דעם לֹא תִּשְׁכָּח, און** [ווען איז מען מקיים] **דעם זָכוֹר.**

**יט**

**לאָמיר זען.**

**לֹא תִּשְׁכָּח זעט גאָר אויס** [אַז דאָס] **איז אַ מִצְוָה תְּמִידִית, מ'זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, מ'זאָל זען ס'זאָל נישט אַרויס פונעם זִכָּרוֹן, יעדער לְפוּם שִׁיעוּרָא דִּילֵיהּ זאָל דאָס אינזין האָבן אַלץ, אַזוי בְּאוֹפֶן ער זאָל דאָס נישט קענען פאַרגעסן.**

[אַזוי] **זעט אויס, אַז די אַלע שִׁכְחוֹת**[ג] **- שִׁכְחַת הַלֵּב - דאָס האָט נישט קיין זְמַן.**

**כ**

[און ס'איז] **פון די מִצְוֹת הַתְּלוּיוֹת 'בְּלֵב'.**

**ווי דער חרדים רעכנט אויס**[ד]**, ס'איז דאָ אַסאַך מצות וואָס זענען נאָר תְּלוּיָה בְּלֵב, אַזוי ווי יִרְאָה מיט אַהֲבָה אָדער כדומה, אַלעס איז מִצְוֹת הַתְּלוּיוֹת בְּלֵב.**

**אַזוי איז דער לֹא תִּשְׁכָּח** [מכלל המצות התלויות בלב].

---

[ג] והיינו כל השש זכירות. וכמבואר רובם **בתורת כהנים** (ריש בחוקותי) וז"ל: וכן הוא אומר **זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ** (יתרו כ, ז), יכול בלבך, כשהוא אומר (ואתחנן ה, יא) **שָׁמוֹר**, הרי שמירת לב אמורה, הא מה אני מקיים **זָכוֹר**, שתהיה שונה בפיך. ○ וכן הוא אומר (דברים ט, ז) **זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר**, יכול בלבך, כשהוא אומר **אַל תִּשְׁכַּח** הרי שכיחת לב אמורה, הא מה אני מקיים **זְכוֹר**, שתהא שונה בפיך. ○ וכן הוא אומר (דברים כד, ט) **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם**, יכול בלבך, כשהוא אומר (שם, ח) **הִשָּׁמֶר בְּנֶגַע הַצָּרַעַת לִשְׁמֹר מְאֹד וְלַעֲשׂוֹת**, הרי שכיחת לב אמורה, הא מה אני מקיים **זָכוֹר**, שתהיה שונה בפיך. וכן הוא אומר **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**, יכול בלבך, כשהוא אומר **לֹא תִּשְׁכָּח** הרי שכיחת לב אמורה, הא מה אני מקיים **זָכוֹר** שתהיה שונה בפיך.

[ד] **דבספר חרדים** מונה התרי"ג מצות מסודר לפי מה שתליות באברי האדם. **ושם בפרק ט'** חושב כל 'מצות עשה' התלויות "בלב", כמצות אמונה, אהבה, יראה, תפילה, ועוד הרבה. **ובפרק כ"א** מונה כל 'הלאוין' התלויות "בלב", ובכללם מונה מצות **לֹא תִּשְׁכָּח** מעשה עמלק, וכן שאר הזכירות. אבל מצות **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**, מונה שם **בפרק י"ב**, בין המצות התלויות "בפה".

KolSatmar.com

**כא**

אבל מצות זכור "בפה" אינו נוהג תמיד, ועל זה צריך לבאר מה הוא השיעור והזמן של קיום מצוה זו מן התורה

[אָבער] **"זָכוֹר" האָבן חכמינו ז״ל אָרויסגעלערנט דאָס מיינט מען מיטן מויל, אַז מ'זאָל עס מַזְכִּיר זיין** [בְּפֶּה].

**כב**

**נאָר ווען מ'זאָל דאָס מַזְכִּיר זיין, און וויאַזוי.**

**אויף דעם לכאורה, דאָס קאָן מען דאָך נישט זאָגן** [אַז] **בתמידית זאָל מען כסדר מזכיר זיין** [בפה], **לכאורה דאָס דאַרף האָבן אַ ביאור, 'וויאַזוי' האָט אונז די תורה הקדושה מחייב געווען אַז מ'זאָל דאָס מזכיר זיין בפה,** [און] **'ווען' איז מען דאָס מְחוּיָב מ'זאָל עס זוכר זיין בפה.**

**כג**

ובדברי חכז״ל מבואר דהזמן לזה הוא בשבת שלפני פורים. אבל בפסוק לא מצינו זמנו להדיא, וגם לא מצינו שזמנו הוא פעם אחת בשנה דייקא, ובפשטות משמע דרק מרדכי ובית דינו קבעוהו על השבת שלפני פורים

[נאָר] **אַזוי ווי ס'שטייט, האָט מען דאָס קוֹבֵעַ געווען אין שבת שלפני פורים - ווי די גמרא זאָגט**[טו] **- די קריאת זכור.**

**קודם די שְׁקָלִים, און דערנאָכדעם זָכוֹר.**

**כד**

**נאָר וואו דאָס שטייט אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אַז דאָס איז 'דעמאָלטס' דער זמן,** [און בכלל] **אַז דאָס איז דער זְמַן 'איין מאָל אין יאָר', אין פַּשְׁטוּת אַריין זעט מען אין די אחרונים אַ מְבוּכָה** [בענין זה], **פון וואו דאָס איז געדרינגען 'דער חשבון' אַז ס'איז איין מאָל אין יאָר, און אויף 'ווען'** [אינעם יאָר].

**כה**

**נאָר אַזוי ווי ס'זעט אויס אין־פלוג**[טז]**, האָט מען דאָס קוֹבֵעַ געווען מרדכי ובית דינו, אויף 'היצטערט'** [בחודש אדר. אבל מן התורה מצותה פעם אחת בשנה באיזה זמן שיהיה][יז]**.**

**כו**

ובתרומת הדשן משמע דסובר דהחיוב בשבת זה הוא מן התורה, ולכן מתמה על בני הכפרים שבאים לעיירות בפורים לשמוע המגילה, דיותר ראוי להם לבוא בשבת שלפניו לשמוע קריאת זכור שהוא מדאורייתא

**דער תרומת הדשן זאָגט דאָך**[יח] **אַז דאָס איז 'מער חיוב' ווי מגילה** [ביום הפורים], **ווייל דאָס איז דאורייתא,** [און] **די מגילה איז דעך דאָך נאָר מדברי קבלה**[יט]**. כאָטשיג**

---

[טו] **במשנה מגילה** (כט.)**: ראש חדש אדר שחל להיות בשבת קורין בפרשת שקלים וכו'. בשניה זכור, בשלישית פרה אדומה, ברביעית הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, בחמישית חוזרין לכסדרן.**

[טז] **פירוש: כפי הנראה, לפום ריהטא.**

[יז] **כן כתב הלבוש** (או״ח תרפה, ב)**: וצריך זכירה בפה, שכך אמרו חז״ל** (מגילה יח. והובא לעיל בהערה יב.) **וכו'. והרי מכאן שפרשת זכור היא דאורייתא לפי דעת קצת פוסקים אחרונים, אף על פי שאם היא דאורייתא אין בה טעם למה קבעה בשבת זו, ואדרבה בחדש אייר היה לנו לקובעה, שכן היתה מלחמת עמלק בהיותם ברפידים. ואפשר שמן התורה לא נצטווינו לעשות בשבת זו, אלא מצות עשה היתה לעשותה באחד מן שבתות השנה, באיזה שירצו, ומסרה ליד בית דין, אלא שבימי 'מרדכי ובית דינו' קבעוה לסמכה בכל שנה למעשה המן שהיה מזרעו.** ○ **ועיין במגן אברהם** (שם) **שהעתיק דברי הלבוש בקצרה, והובא לשונו להלן בהערה כב.**

[יח] **בתרומת הדשן** (סימן קח)**: שאלה. בני היישובים שאין להם מנין בעיר, ורצונם ללכת אל הקהילות הסמוכות להם לימי הפורים, כדי לשמוע מקרא מגילה בציבור. צריכין ליזהר שיקדימו ביאתם גם לשבת פרשת זכור שהוא סמוך לפורים, או לאו.** ○ **תשובה. יראה דאדרבה צריך טפי שישמע קריאת פרשת זכור בצבור, ממקרא מגילה. אף על גב דמקרא מגילה עדיפא וכל מצות נידחות מפניה, מכל מקום לדעת רוב הפוסקים נקראת היא** [גם] **ביחיד, אבל קריאת פרשת זכור כתב האשירי פרק שלשה שאכלו** (רא״ש ברכות פרק ז סימן כ) **דעשה דאורייתא הוא לקרותן בעשרה, ודוחה לא תעשה דלְעֹלָם בָּהֶם תַּעֲבֹדוּ** (בהר כה, מו)**, להכי שיחרר רבי אליעזר עבדו, כדי**

KolSatmar.com

ס׳איז [אויך] אַ גרויסע מצוה[כ], אָבער ס׳איז ׳דאָך׳ נאָר מדברי קבלה, און זכירה [דמעשה עמלק] האָט מען געגעבן [חיובה] אין די תּוֹרָה.

איבערדעם וואונדערט ער זיך אויף די בני הכפרים וואָס מ׳קומט אַריין [לתוך העיר צו [הערן] די מגילה, און מ׳קומט נישט אַריין ליבער אויף פרשת זכור, [שהרי] ס׳איז דאָך נאָך מער חיוב.

### כז

[פון דעם] זעט אויס, אַז ער לערנט אַז דער חיוב דאורייתא איז טאַקע אויף דעם שבת [שלפני פורים][כא]. זעט אויס אַז דאָס איז זיין שיטה, פון תרומת הדשן.

### כח

אבל המגן אברהם כתב ליישב מנהג הבני כפרים, כי יש לומר דהחיוב דאורייתא
יכולין לצאת גם בקריאת פרשת ויבא עמלק, שקורין ביום הפורים

און דער מגן אברהם[כב] וויל פאַרענטפערן דעם מנהג העולם פון די [בני] כפרים וואָס מ׳קומט נישט [לתוך העיר בשבת זכור], ער וויל פאַרענטפערן [ווייל] זיי לערנען אַז מ׳איז יוצא אום פורים [כשקורין פרשת] וַיָּבֹא עֲמָלֵק (שבסוף בשלח) איז מען אויך יוצא, [ואז בפורים הבני כפרים הם בהעיר לצורך שמיעת המגילה, וממילא שומעין גם הקריאה בתורה בפרשת וַיָּבֹא עֲמָלֵק, ויוצאין בזה ידי חובת המצוה דְזָכוֹר].

### כט

ועכ״פ בפסוק לכאורה אינו מבואר דזמן חיוב קריאת זכור הוא סמוך לפורים

לאָמיר זען, נאָר אַלעס לכאורה שטייט נישט, זעט מען נישט מבואר וואו איז דער מקור אַז דאָס איז איין מאָל אין יאָר, און דאָס איז היצטערט [בשבת שלפני פורים].

### ל

והנה במהר״ם שיק מבאר הטעם שצריך לקרות פעם אחת בשנה,
משום דשיעור שכחה הוא י״ב חודש, כדמשמע בגמרא לענין אבידה ומת

ער וויל זאָגן דער מהר״ם שיק[כג], ברענגט ער אַז ס׳זעט אויס, אים זעט אויס אַז

---

להשלימו לעשרה, עיין שם פרק שלשה שאכלו באשירי, ובתוספות שנ״ץ (תוספות ברכות יג., ובתוספות מגילה יז: ד״ה כל) שכתבו דאין שום קריאה מדאורייתא רק פרשת זכור. ובתוספות הקצרות מברכות פרק שני (יג. בדפו״ר, וכ״ה בתוספות רבינו פרץ שם, וכן הובא בב״י או״ח סימן תרפה בשם התוספות שם) פירש דפרשת זכור ׳ופרשת פרה אדומה׳ חייבים לקרותן מן התורה. וכן בסמ״ק חלק מצות עשה (מ״ע קמז) [במצות] זָכוֹר אֲשֶׁר עָשָׂה, וזה שאנו קורין פרשת זכור קודם פורים. ואם כן צריך ליזהר יותר שישמע קריאת פרשת זכור בעשרה ממקרא מגילה בזמנה, אלא שהעולם לא זהירי בהכי. [ודבריו הובאו להלכה בשלחן ערוך (או״ח תרפה, יא. וע״ע קמו, ב)].

[יט] היינו מדברי נביאים וכתובים.

[כ] וכל מצות נידחות מפניה (תרומת הדשן). כי מצוה זה עדיף שיש בו פרסומי ניסא, ואף מבטלין תלמוד תורה ועבודת כהנים בשביל זה, כמבואר בגמרא מגילה (ג.).

[כא] וכדמוכח בלשון המגן אברהם שהבין כן בסברת התרומת הדשן.

[כב] במגן אברהם (ריש סימן תרפה) העתיק דברי התרומת הדשן, ואח״כ כתב וז״ל: ולי נראה ליישב מנהג העולם, דאטו מי כתיב בתורה שיקראו דוקא בשבת זה, אלא שחכמים תקנו בשבת זו הואיל ושכיחי רבים בבית הכנסת וסמוך לפורים, דאטו מי כתיב בתורה שיקראו דוקא בשבת זה, אלא שחכמים תקנו בשבת זו הואיל ושכיחי רבים בבית הכנסת [בשבת], וסמוך לפורים, כדי לסמוך מעשה עמלק למעשה המן, כמו שכתב הלבוש (שם, ב. והובא לשונו לעיל בהערה יז). ואם כן כששומע בפורים פרשת ויבא עמלק נמי זוכר מעשה עמלק ויוצא ידי חובתו, וכן הוא ברא״ם סימן ב׳ וכו׳. מכל מקום כל אדם יהא זהיר וזריז במצות, לבוא למנין. ובמגילה דף י״ח משמע פשטא דתלמודא דפרשת זכור דאורייתא, ומשמע שם דהוא הדין בפרשת ויבא עמלק יצא.

[כג] במהר״ם שיק על תרי״ג מצות (מצוה תרה, שלא לשכוח מעשה עמלק) וז״ל: והנה מצוה זו אנו מחוייבין לקרות בציבור פעם אחת בשנה. והטעם [כי] אמרינן בפרק אלו מציאות (בבא מציעא כד: וכח.) דאבידה משתכחת בי״ב חודש, וכן על המת נגזר גזירה שבתוך י״ב חודש ישתכח (עי׳ פסחים נד: וברכות נח:), וכאן צותה לנו התורה

דער **חתם סופר** האָט אַזוי געלערנט דאָרטן, אַזוי זאָגט ער, אַז דער טעם איז פון איין מאָל אין יאָר ווייל ס'איז [חיוב הקריאה בפה, כדי לעורר הזכרון שבלב אַז] **מ'זאָל נישט פאַרגעסן**, [ושיעור שכחה הוא י"ב חודש].

[ווי] מ'געפינט אין די **גמרא**[כד] ביי אבידה [ומת, שדרשו בפסוק נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב] הָיִיתִי כִּכְלִי אֹבֵד (תהלים לא, יג), [אז] **נאָך צוועלף חדשים** ווערט נשתכח מן הלב, אַזוי ווי די גמרא גלייכט עס צי, [המת שמשתכח לאחר י"ב חודש, אל דין אבידה, שנאמר] נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב [הָיִיתִי כִּכְלִי אֹבֵד], **נאָך י"ב חודש, אַזוי ווי ביי אבידה.**

**לא**

וכתב דנשאל החתם סופר על שנת העיבור שיש יותר מי"ב חודש בין זכור לזכור, והשיב שלכן יש לכוון על תנאי לצאת בפרשת זכור שקורין בפרשת כי תצא שלפני שנת העיבור

איבערדעם ברענגט ער [במהר"ם שיק], האָט מען געפרעגט דעם **חתם סופר** [דלפי זה] **וואָס טוט מען אין אַ שנת העיבור**, [ווען] ס'איז דאָ מער ווי **י"ב חודש.**

זאָגט ער [אז] דער **חתם סופר** האָט געזאָגט, אַז ער האָט אינזין אין **פרשת כי תצא** [שמקודם שנת העיבור] **יוצא צו זיין, על תנאי.**

[ולפי דבריו משמע דסובר החתם סופר שאין החיוב דייקא בשבת שלפני הפורים, רק פעם אחת בשנה אימת שיהיה, ולא כדברינו לעיל. אבל לא נראה כן מפאת כמה טעמים דלהלן].

**לב**

ואינו מובן כל כך מה שכתב לכוון "על תנאי"

א) [נאָר] **לכאורה וואָס הייסט על תנאי.**

ווער ס'ווייסט אַז ס'קומט נאָך[כה] [בשנה הבאה] **אַ שנת העיבור, איז דאָך עס לויט אים אַ 'ודאי'.** [ועל כרחך דגם החתם סופר לא היה ברירא ליה כל כך, דאפשר לצאת באמצע השנה].

**לג**

גם לא נזכר זה כלל בדברי הפוסקים לכוון לצאת בקריאה דפרשת כי תצא

ב) [און] **דער גאַנצער ענין איז דאָך אַ חידוש,** וואו [שטייט דאָס], **דאָס שטייט נישט אין ערגעץ אין די פוסקים** [לכוון כן בקריאת פרשת כי תצא].

[והמהר"ם שיק] **ער זאָגט וכן ראוי לעשות, אַז מ'זאָל אַזוי 'איינפאַלן'**[כו] [בפרשת כי תצא, אז] **מ'זאָל יוצא זיין** [דערמיט מצות זכור], **וואָרן איך דאַרף נישט 'טון'** [עקסטער דערצו, ורק] **די כוונה** [לצאת], **איז אַ פְּשִׁיטוּת** [לשיטתו] **אַז מ'זאָל דאַרפן אינזין האָבן** [לצאת ידי חובת מצות זכור][כז].

[אָבער] **דאָס שטייט נישט אין ערגעץ**[כח].

---

הקדושה שלא תשכח, ובודאי צריכים לזכור **פעם אחת בכל שנה ושנה**. ○ ופעם אחת שאל **הרב מו"ה משה** מעיר חדש שאחר כך נסע לארץ הקודש [מפי החתם סופר], שבשנת העיבור יהיה יותר מי"ב חודש, והשיב **מרן זצ"ל בעל חתם סופר**, שהוא באמת מתכוון לצאת בפרשת תצא על תנאי, וכך ראוי לנו לעשות.

[כד] **בגמרא בבא מציעא** (כח.) מובא דחייב להכריז אבידה שלש רגלים, ועיי"ש (כד:) שנזכר שיעור י"ב חודש.

ואיתא עוד **בגמרא ברכות** (נח:): אמר רב, אין המת משתכח מן הלב אלא לאחר שנים עשר חדש, שנאמר **נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב הָיִיתִי 'כִּכְלִי אֹבֵד'.** [ופירש"י: ככלי 'אובד'. וסתם כלי לאחר שנים עשר חדש משתכח מן הלב, דיאוש בעלים לאחר שנים עשר חדש, בפרק אלו מציאות (ב"מ כח.) מי שמצא כלי או שום מציאה חייב להכריז שלש רגלים, ואם נמצא אחר הסוכות צריך להמתין ולהכריז בפסח ובעצרת ובחג, דהיינו שנים עשר חדש, ושוב אין צריך להכריז].

[כה] **פירוש**: ס'גייט נאָכקומען.

[כו] **פירוש**: לכוון כן בלבו.

[כז] שהרי במצוה דאורייתא קיי"ל (או"ח סימן ס) דמצות צריכות כוונה לצאת יד"ח.

[כח] **ולפלא לציין לדבריו בשו"ת חתם סופר** (אה"ע ח"א, סימן קיט) **שדן שם בענין שיעור שכחה י"ב חודש, ובתוך**

KolSatmar.com

### לד

גם הוא חומרא המביא לידי קולא, דלפי זה לא יהיה חיוב דאורייתא אחר כך בפרשת זכור, כהמבואר בפוסקים

ג] ווידעראום וועט דאָך אַרויסקומען ווידעראום אַ קולא [דערפון].

[ווייל] אַז איך זאָג מ'איז יוצא אין **פרשת כי תצא**, קומט אויס אַז מ'האָט יוֹצֵא געווען פרשת כי תצא וואָס מ'האָט געהערט די קְרִיאָה, דאַרף מען שוין נישט [לקרות עוד הפעם עד סוף י״ב חודש], איז מען שוין נישט מְחוּיָב, קומט אויס אין **פרשת זכור** איז עס שוין נישט **דאורייתא**. [וכל הפוסקים כתבו בסתמא דהוא דאורייתא, וא״כ משמע דלא סבירא להו כן].

### לה

ולכן נראה דהטעם של חיוב הקריאה דזכור, אינו תלוי כלל בשיעור י״ב חודש. חדא דמבואר ברש״י דשיעור הכרזה באבידה שהוא בג' רגלים אינו מטעם שכחה, אלא מטעם יאוש בעלים נגעו בה

ד] נאָר וואָס'זשע דען, נאָר איך מיין לדעתי איז פשוט, פשוט מיר דאַכט זיך גאָר אַז דאָס האַלט נישט אויס בשום אופן [גם בעיקר הראיה שהביא מאבידה ומת].

ווייל דער טעם איז נישט, ווייל דער דמיון פון אבידה איז קיין שום דמיון נישט אַהער לכאורה, ממילא איז דער גאַנצער ענין אַ פֶּלֶא.

### לו

וואָרן ס'שטייט דאָך בפירוש אַרויס אין **רש״י** פאַרוואָס אֲבֵידָה ווערט נִשְׁתַּכַּח [לאחר י״ב חודש], זאָגט דאָך **רש״י** אין **ברכות**[כט] [אז] דאָס איז מטעם **יִאוּשׁ**, ווייל דער דין איז דאָך אין די **גמרא** אין **אלו מציאות**[ל] אַז מ'איז מַכְרִיז [האבידה] **ג' רגלים**, און נאָך די ג' רגלים אַז מ'האָט שוין דריי מאָל מַכְרִיז געווען איז מען שוין מער נישט מַכְרִיז, איבערדעם אַז ער זעט [הבעל אבידה, שכבר עבר י״ב חודש, והוא יודע] אַז מ'האָט דריי מאָל אויסגערופן און ס'האָט זיך קיינער נישט [געמאָלדן], גאָרנישט איז נישט אַפּירגעקומען [שעדיין לא נמצא אבידתו], און 'מער רופט מען שוין נישט אויס', [ממילא] איז מען זיך שוין מְיַאֵשׁ, איז עס אַ **יִאוּשׁ בְּעָלִים**, איבערדעם גלייכט ער עס צי [מת לאבידה].

וואָרן געוויינטליך - זאָגט רש״י - על פי רוב די **ג' רגלים** איז אַ **יאָר**, וואָרן [תיכף] נאָך אַ רגל [מי שאובד אז אבידה], נאָכן רגל אַז מ'וויל וואַרטן אויף דריי רגלים, איז ממילא ווערט אַ יאָר.

---

הדברים כתב אף לשיטתו דמצות זכור תלוי בשיעור שכחה, דמכל מקום אין חילוק בזה בשנת העיבור. וז״ל שם: ונ״ל מזה מה שאנו קורין פרשת זכור פעם אחת בשנה, ולרוב הפוסקים הוא דאורייתא או סמך מן התורה דכתיב לֹא תִּשְׁכָּח, ושיעור שכחה היא שנה, ואם כן במערבא דמסקו לאורייתא בתלתא [שנין] נמצא שנה האמצעית אין בו לא פרשת עמלק בבשלח ולא פרשת עמלק שבכי תצא רק מה שקורין פרשת זכור, ונמצא אם הוא שנה מעוברת עוברים על לֹא תִּשְׁכָּח, אלא על כרחך ילפינן מערי חומה [דשם שנת העיבור בכלל (עי' רמב״ם שמיטה ויובל יב, ה)] שכך הוא שיעור שכחה. ולענין חקירתו של שבות יעקב (ח״ב, קכה) וכי בשנה פשוטה ישכח אחר י״ב חודש ובשנה מעוברת בעינן י״ג חדשים, אם מחוייבים אנחנו לדרוש טעמא דקרא נֹאמַר כמ״ש הראשונים הפשטנים דבשנה יש היקף של כל הימים ימי שמחה וימי צומות ושארי ענינים שיש לכל יום ביומו שמעוררו לזכור ענין, ואם עבר שנה בהיקף כל זמנים כבר הוציא מדעתו, ואם כן כיון שלא כלו המועדים ושינוי הזמנים עד י״ג חדשים אינו מוציאו מלבו, על דרך משל אם כלתה לו י״ב חודש ר״ח אדר שני, מכל מקום כשיגיע פורים הראשון יזכור ויתעצב וכדומה, וכן בכל ענין, ולא קשה מידי קושית שבו״י. ואולי יש טעם אחר. ומסתיין דמוכח מספר אורייתא דמשה.

[כט] כדהובא לשון רש״י לעיל בהערה יא.

[ל] בגמרא בבא מציעא (כח.). ועיין לעיל בהערה כד.

KolSatmar.com

[ואם כן] איז דָאךְ 'דָאס' דער גאַנצער טעם. אָבער נישט ווייל אין י"ב חודש ווערט 'נשתכח' [האבידה מן הלב], ס'האָט גאָר קיין שום שייכות נישט מיט דעם [בענין "שכחה"]. דער גאַנצער טעם איז נאָר וועגן דעם [בשביל ענין "יאוש", ורק במת נאמר לשון שִׁכְחָה, אבל לא באבידה].

**לז**

וגם אין זה תלוי בשיעור י"ב חודש אלא בג' רגלים, ולפעמים אין ביניהם אלא קצת יותר מו' חדשים, וכגון שנאבדה האבידה סמוך לחג הפסח. ועוד דהלא מזמן ההכרזה ברגל השלישי בוודאי אין כאן י"ב חודש, ולמה יאמרו דכבר נשתכח האבידה, ועל כרחך דהוא רק מטעם שבוודאי כבר נתייאשו הבעלים כשלא מצאום לאחר זמן ג' הכרזות

ה] עקסטערדעם איז דָאךְ עס נישט אַזוי ווי ער זאָגט [כי] אַז מ'זאָגט איין מאָל אין יאָר געדענקט מען דערנאָך צוועלף חדשים, [שהרי] דאָרטן [באבידה] זאָגט מען דָאךְ [שצריכין להכריז] אַלע ג' רגלים, ממילא איז דָאךְ נישטאָ קיין 'יאָר' פון דער זְכִירָה בְּפֶּה [ברגל הראשון, לשאר רגלים, און פונדעסטוועגן] מ'רופט דָאךְ עס אויס, מ'איז דָאךְ עס מַכְרִיז יעדן רֶגֶל, [און] פונדעסטוועגן [לאחר ג' רגלים מתייאש, הגם] ס'איז דָאךְ נישטאָ קיין יאָר [מן רגל האחרון], נאָכן דריטן רֶגֶל איז דָאךְ שוין נישטאָ קיין יאָר [מן הכרזה האחרונה, ועם כל זה] איך רעכן דָאךְ די צוועלף חדשים פון ווען אָן [מ'האָט אָנגעהויבן מכריז זיין], פונעם ערשטן כְּרוּז אָן, אפילו מ'איז דערנאָך [מכריז נאָך] צוויי מאָל.

[ואם נימא דהטעם בשביל ענין "שכחה"] דעמאָלטס קומט דָאךְ אויס אַז ס'ווערט נשתכח נאָך פריער [פון אַ יאָר], פונעם לעצטן כרוז. [אלא מאי] פון דעם קאָן איך גאָרנישט אַרויסלערנען אַז ס'זאָל דויערן אַ יאָר פון איין כרוז.

**לח**

ד] איבערהויפּט [דמוכח בגמרא אז] ס'איז גאָרנישט 'דעס' ענין, דאָס איז גאָר מטעם "יִאוּשׁ", ס'איז גאָרנישט קיין שום עֶרֶךְ [ודמיון לענין של "שכחה". וא"כ אין לנו ראיה כלל דשיעור שכחה הוא י"ב חודש] (וכדלעיל באות לו).

**לט**

וכן אין להביא ראיה מענין המת שמשתכח לאחר י"ב חודש, דשאני התם דגזירה על המת שישתכח מן הלב,
אבל החי אינו משתכח אף ביותר מי"ב חודש, ואם כן אין ללמוד מזה לענין שיעור שכחה בשאר דברים

ו] און ווידעראום וואָס ער זאָגט [להביא ראיה דשיעור שכחה י"ב חודש] פון **נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב**, [גם מהתם אין ראיה, שהרי] ס'שטייט דָאךְ אַרויס[לא] אַז ס'איז אַ "גזירה" [על 'המת' שישתכח, ומזה מוכח] אַז אַ חַי איז נישט [משתכח מן הלב אפילו לאחר י"ב חודש].

[און] דאָס איז דָאךְ דער טעם פון **וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם** (וישב לז, לה) [ביי יעקב אבינו], ווי רש"י זאָגט[לב] [דערויף, ווייל] ס'איז נאָר עַל הַמֵּת נִגְזַר, און אַ חַי ווערט נישט נִשְׁתַּכַּח, איבערדעם יעקב אבינו האָט נישט פאַרגעסן [מיוסף, וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם, ווייל] נאָר על המת איז נגזר [שישתכח מן הלב].

---

[לא] **בגמרא פסחים** (נד:): תנו רבנן, שלושה דברים עלו במחשבה ליבראות [פירש"י: ונתקיימו], ואם לא עלו דין הוא שיעלו [דאם לא כן לא היה אדם מתקיים]. על המת שיסריח [שאם לא כן הקרובים היו מצניעין אותו, ורואין את צערן תמיד לפניהם], **ועל המת שישתכח מן הלב**, ועל התבואה שתרקב [שאם לא כן היו בעלי בתים מאצרין אותה, ומביאין רעבון לעולם]. ויש אומרים, על המטבע שיצא.

ולשון רבינו שהוא "גזירה", כן הוא **ברש"י** פרשת וישב המובא לקמן בסמוך.

[לב] **ברש"י וישב** (לז, לה): וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם. אין אדם מקבל תנחומין על החי וסבור שמת, **שעל המת 'נגזרה גזירה' שישתכח מן הלב**, ולא על החי. [ומקורו בבראשית רבה דלהלן].

KolSatmar.com

### מ

**וביפה תואר ביאר גם במת, דגם שם הטעם כענין יאוש בעלים, כיון שאין מצפה עוד להחזירו, מה שאין כן בחי שמצפה עוד שישוב לראותו**

קודם דער **יפה תואר** זאָגט[לג] על פי פשוט, - דאָס איז אויך אַזאַ מאָדע סְבָרָא ווי 'יֵאוּשׁ בְּעָלִים' (דלעיל באות לו), - [אז] דער חילוק איז [בין חי למת], ווייל דאָרטן ווי מ'ווייסט, ביי אַן מֵת ווייסט מען ס'איז פאַרפאַלן, מ'קען זיך נישט העלפן, מוז מען זיך מְיַאֵשׁ זיין, ממילא טוט מען גאָרנישט אויף [מיטן געדענקן מער], איז מען בּוֹטֵחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, און מ'וויל פאַרגעסן. אָבער [ביי] אַ חַי, אַז מ'קלערט נאָך אַז ער איז חַי, און ס'איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, דעמאָלטס וויל מען נישט פאַרגעסן, [וממילא] פאַרגעסט מען נישט, איבערדעם איז געווען **וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם**.

אַזוי זאָגט דער **יפה תואר**.

### מא

**ועל כל פנים בכל אופן שאני במת דיש גזירה על זה, ואין ללמוד מהתם לשאר דברים**

סיי ווי סיי[לד], וויאַזוי דער פְּשַׁט איז, [צי] אַזוי ווי **רש"י** [זאָגט] ווייל ס'איז אַ "גזירה", אָבער על כל פנים אויף עפּעס אַנדערש איז עס נישט [נגזר כך]. צי אַזוי ווי ער זאָגט [היפה תואר], דאָס איז אויך מְטַעֵם "יֵאוּשׁ", על כל פנים איז נישט קיין [ראיה מן המת שמשתכח], פאַר ערגעץ אַנדערש קאָן מען זיך נישט אַרויסלערנען [דשיעור שכחה הוא י"ב חודש].

[ואם כן] איז דאָס קיין שום דמיון נישט אַהער, איך זאָל זאָגן אַז דאָס איז די [שיעור] **זכירה**, ווייל מ'זאָגט איין מאָל אין יאָר דורכדעם געדענקט מען. דאָס האָט לכאורה קיין שום שייכות נישט אַהער די גאַנצע זאַך, ס'איז אינגאַנצן אַ חידוש אַז ער ברענגט עס גאָר צי צו דעם.

### מב

**גם בעצם הדבר מה שמבאר דקריאת זכור תלוי בשיעור שכחה, על זה קשה דהרי מוכח בגמרא דקריאת זכור בפה אינו תלוי בשכחת הלב, שעל זה יש מצוה נפרדת של לא תשכח בלב**

ז] עקסטערדעם האַלט דאָך עס נישט אויס פון די **גמרא** אַליין.

ווייל די גמרא זאָגט דאָך בפירוש[כ], [יכול] איך העט געוואָלט מיינען **זָכוֹר** מיינט מען **בְּלֵב**, [נאָר] ווייל ס'שטייט שוין **לֹא תִּשְׁכָּח**, **הֲרֵי שִׁכְחַת הַלֵּב אָמוּר**.

זאָגט דאָך די גמרא אַרויס בְּפֵרוּשׁ, אַז דער 'זָכוֹר' איז נישט וועגן 'שִׁכְחַת הַלֵּב',

---

[לג] דאיתא **בבראשית רבה** (פד, כא): מטרונה שאלה את ר' יוסי, אמרה לו כתיב (דברי הימים א' ה, ב) **כִּי יְהוּדָה גָּבַר בְּאֶחָיו**, וכתיב (וישב לח, יב) **וַיִּנָּחֶם יְהוּדָה וַיַּעַל עַל גֹּזְזֵי צֹאנוֹ**, וזה אביהם של כולם, **וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם**. אמר לה מתנחמים על המתים ואין מתנחמים על החיים.

וע"ז כתב **ביפה תואר** שם: כתיב כי יהודה גבר באחיו וכו'. איכא למימר [לכצ"ל למידק], מה ענין הגבורה (אלא) [אל] קבלת התנחומין, דתלי הא בהא, עד דקשיא ליה זה שהוא אבי כולם מדוע לא קיבל התנחומין. ויש לומר שהמתנחם אפשר 'לקיצורו', כי לא ירגיש באבידתו, על דרך אין שוטה נפגע (שבת יג:). ואם 'למעלתו', כי להיותו אמיץ לבו בגבורים מקשה לבו ויעבור עליו כל מה שיהיה מהצרות. או 'לחכמתו' יתנחם, **כראותו כי אין תועלת באנחה**, על מה שאי אפשר לתקן. וכמה שאמר החכם, שההבלגה על הקריעה [שהיא] נמנעת התקון, [הוא] אות חזק על חכמת האדם. ○ ולזה הביא כי יהודה גבר באחיו, לראיה שאין תנחומין 'מקיצורו', אלא מצד 'גבורתו' או 'חכמתו', ולכך יקשה ביעקב שהוא 'חכם וגבור' ממנו, למה לא נתנחם. ומשני דהיא הנותנת, שבשביל 'חכמתו' לא יתנחם, כי מתנחמין על המתים לפי שיתייאשו מהם וידעו שאין תועלת בדאגה, אבל על החיים שלא יתייאשו מבקשתם, לא יתנחמו, כי הזכרון מהם לתועלת שישתדלו בבקשתו. ○ ורש"י פירש בחומש וכו' שעל המת נגזר גזירה שישתכח מן הלב ולא על החיים. ולפי מה שפירשתי, אין צורך [לזה].

[לד] פירוש: ובכל אופן.

KolSatmar.com

וואָרן וועגן שִׁכְחַת הַלֵּב אַז מ׳זאָל נישט פאַרגעסן, העט מען וועגן ׳גאָרנישט׳ געדאַרפט צו זאָגן, איז גענוג די יְדִיעָה בְּעַלְמָא, זאָל עס נאָר נֶחְקָק זיין אין זִכָּרוֹן.

וואָרן ווען נישט דאָס וואָס ס׳איז גיוועגן איבעריג דער זָכוֹר, ווען ס׳העט נישט געשטאַנען ׳לֹא תִּשְׁכָּח׳, העט איך דאָך געטייטשט דעם זָכוֹר אַז מ׳דאַרף גאָרנישט זאָגן, נאָר בלויז בְּלֵב. און אינגאַנצן זאָג איך דאָך נאָר דעם זָכוֹר ׳בְּפֶה׳ ווייל ער איז איבעריג, ווייל שִׁכְחַת הַלֵּב איז געדרינגען פון לֹא תִּשְׁכָּח. [ואם כן] קען איך דאָך נישט אַצינד זאָגן אַז פאַרדעם ברויך צו זיין זָכוֹר בְּפֶה, וועגן שִׁכְחַת הַלֵּב, [אַז] ווייל נאָך צוועלף חדשים ווערט נִשְׁתַּכַּח דאַרף מען נאָכאַמאָל זאָגן. [דהלא] דער ׳זָכוֹר׳ איז דאָך גאָר ניטאַמאָל וועגן שִׁכְחַת הַלֵּב, וואָרן וועגן שִׁכְחַת הַלֵּב העט איך דאָך ׳גאָרנישט׳ געדאַרפט צו זאָגן, ס׳איז דאָך נאָר ווייל ס׳איז דאָ אַן עקסטערער יִתּוּר אויף דעם, אַן עקסטערע מצוה אַז מ׳דאַרף צו זאָגן זָכוֹר בְּפֶה, [און] ס׳האָט גאָרנישט מיט דעם[לה], ס׳איז גאָר אַן אַנדערע [ענין], ס׳האָט נישט קיין שייכות מיט שִׁכְחַת הַלֵּב.

[אויף] שִׁכְחַת הַלֵּב אַז מ׳זאָל נישט האָבן, איז אַן אַנדערע מִצְוָה דאָרטן. און דעס איז [אַן] אַנדערע [מצוה]. ס׳איז דאָך פון מִנְיַן הַמִּצְוֹת אויך צוויי, [און] ווי די גמרא זאָגט עס אַרויס בְּפֵירוּשׁ.

מג

ממילא האָט דאָך דער טַעַם [שכתב המהר״ם שיק] קיין שום פלאַץ נישט, ס׳איז אינגאַנצן אַ חידוש וואָס ער זאָגט דאָ, ס׳האָט אינגאַנצן קיין שום פלאַץ נישט דער טַעַם אַז מ׳דאַרף פאַרדעם זאָגן [פעם אחת בשנה, עבור שעל ידי זה לא ישתכח מן הלב].

מד

ולכן נראה לפרש דהטעם משום דכך הוא מקובל מסיני דחיוב מצות זכור בפה הוא לקרותו פעם אחת בשנה. ושהזמן לזה הוא דייקא בחודש אדר, קודם לפורים, או בפורים עצמו. כדילפינן בגמרא מהפסוק והימים וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה ״נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים״ דלשיטת רב צריך להיות הזכירה קודם לעשיה דייקא, ולשיטת שמואל יכול להיות הזכירה גם ביום העשייה שהוא פורים

נאָר מיר דאַכט זיך פָּשׁוּט, ס׳פעלט מיר דען אויס צו זוכן טַעֲמִים, די זאַך איז דאָך גאַנץ פָּשׁוּט ..

וואָרן לעולם אין פַּשְׁטוּת, די גמרא זאָגט דאָך[לו], אין די גמרא איז דאָך אַ פְּלוּגְתָּא [ביי] פּוּרִים שֶׁחָל לִהְיוֹת בְּעֶרֶב שַׁבָּת. רב זאָגט מַקְדִּימִין [לקרות זָכוֹר בשבת שלפניו], און שמואל זאָגט מְאַחֲרִין [לקרות זָכוֹר בשושן פורים].

פרעגט די גמרא פאַרוואָס זאָגט רב מַקְדִּימִין, [ומשני] ווייל ס׳שטייט וְהַיָּמִים [הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים], ווייל ס׳ברויך צו זיין ׳זְכִירָה׳ קוֹדֶם לַעֲשִׂיָּה[לז]. [און] דאָס איז געדרינגען פון [דעם פסוק וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה] ״נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים״, [אלמא דזכירה קודם לעשייה].

אַזוי זאָגן דאָך אַלע מפרשים. [און] טאַקע דער לבוש[לח], מיטן מגן אברהם[לט], מיטן

---

[לה] עם מצות לא תשכח מן הלב.

[לו] בגמרא מגילה (ל.): איתמר, פורים שחל להיות בערב שבת, רב אמר מקדימין פרשת זכור, ושמואל אמר מאחרין. רב אמר מקדימין, כי היכי דלא תיקדום עשיה לזכירה. ושמואל אמר מאחרין, אמר לך כיון דאיכא מוקפין דעבדי בחמיסר, עשיה וזכירה בהדי הדדי קא אתיין.

[לז] עשייה היינו עשיית היו״ט פורים. וזכירה הוא קריאת זכור [או קריאת המגילה לענין שאר דרושים, ולאותן דרושים עשייה היינו שאר מצות היום], וכמבואר גם לעיל שם בגמרא מגילה (ב: יז. יח.).

[לח] בלבוש (או״ח תרפה, ב): בשבת שנייה הוא פרשת זכור, בשבת שקודם פורים, כדי להקדים זכירת מחיית עמלק לעשייתה, דכתיב נזכרים ונעשים.

KolSatmar.com

טורי זהב[מ], אַלע, אַז די זְכִירָה קוֹדֶם לַעֲשִׂיָּה איז געדרינגען ווייל ס'שטייט "נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים".

מה

און שמואל זאָגט, ווייל די מוּקָפִין ליינען [רצ"ל שעושין פורים, ביום ט"ו שהוא שבת], קומט דאָך אויס איז דאָך די מְגִלָּה [רצ"ל עשיית פורים] איז דאָך שבת, איבערדעם איז דאָס טאַקע [מתקיים] אויפאיינמאָל, זְכִירָה וַעֲשִׂיָּה בַּהֲדֵי הֲדָדֵי. [און] ער לערנט פְּשַׁט "נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים", אַז ס'איז איינאיינעם איז אויך נישט קיין פעלער, אַז ס'געפאַלט זיך אין איין טאָג, על כל פנים איז עס זְכִירָה מיט עֲשִׂיָּה, ס'האָט אַ שייכות.

מו

[ונמצא] איך זעה דאָך די גמרא לערנט דאָך אַרויס, אַז דאָס איז איינס [מיט פורים].

מז

ועוד מצינו בגמרא דילפינן הא דצריך לקרות המגילה בספר דייקא, משום דכתיב וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה "נִזְכָּרִים" וְנַעֲשִׂים, וילפינן בגזירה שוה מפרשת זכור דכתיב כְּתֹב זֹאת "זִכָּרוֹן" 'בַּסֵּפֶר'. והרי דקריאת זכור וקריאת המגילה בפורים מישך שייכי אהדדי

וואָרן והראיה די גמרא זאָגט דאָך ווידעראום, דאָס שטייט דאָך אויך אין די גמרא פריער, - [דהך גמרא דלעיל] דאָס איז אין דף ל', און פריער דאָרט אין מגילה אין דף י"ח[מא] זאָגט דאָך די גמרא, - וואָס דאָרט לערנט מען אַרויס [לענין קריאת המגילה] אַז ס'מוז זיין קריאה [בפה ובספר], ס'איז נישט גענוג 'עִיּוּנֵי' [בלב], אַז ס'מוז זיין קְרִיאָה [בפה] לערן איך אַרויס פון [קריאת] זָכוֹר, אַזוי ווי דאָרט איז זָכוֹר בְּפֶה, אַזוי איז די מגילה אויכעט זָכוֹר בְּפֶה, [ווייל] איך לערן אַרויס זְכִירָה זְכִירָה [בגזירה שוה], 'נִזְכָּרִים' וְנַעֲשִׂים, מיט 'זָכוֹר' אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.

זעה איך דאָך [אז] איך לערן אַרויס איינס פון דאָס אַנדערע, איז דאָך דאָס איין זאַך [ושייכים אהדדי, ובדף ל' מוכח] אַז דער "נִזְכָּרִים" גייט אַרויף טאַקע אויף 'דער זְכִירָה' [דפרשת 'זכור'], זְכִירַת עֲמָלֵק.

מח

ואם כן יש לנו לימוד מפורש בכתוב, דהקריאה דזכור צריך להיות סמוך לפורים. וזהו המקור לזמן החיוב מן התורה

על כל פנים איז דאָך דאָ אַ פָּסוּק דערויף, נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים, אַז מ'ברויך צו ליינען [פרשת זכור סמוך לפורים], אַז דער [חיוב פון] "זָכוֹר" אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק דעס איז דעמאָלטס ווען ס'איז "וְנַעֲשִׂים", ווען ס'איז [סמוך] דער זמן פון פּוּרִים. אין דעם זמן פון אדר, סָמוּךְ פאַר פּוּרִים, דעמאָלטס איז דאָ די ציווי [דקריאת זכור].

זעט מען דאָך אַזוי אין די גמרא, ס'איז דאָ אַ לימוד דערויף.

מט

[וממילא] וואָס דאַרף איך קלערן אַז דאָס איז וועגן דעם ווייל ס'ברויך צו זיין איין מאָל אין יאָר, אין די צוועלף חדשים. דאָס איז נישט קיין נפקא מינה. דער עיקר איז

---

[לט] במגן אברהם (סימן תרפה): ובמגילה דף י"ח משמע פשטא דתלמודא דפרשת זכור דאורייתא, עכ"ל. [והוא הגמרא המובא לעיל בהערה יב]. והרי דמתפרש הך "נזכרים" אקריאת זכור שבשבת זו, ולא רק אקריאת המגילה, ודו"ק. (וע"ע במג"א תרפח, י).

[מ] בטורי זהב (שם, ב): פרשת שקלים וכו', ואחר כך פרשת זכור, קודם קריאת המגילה בפורים, כי היכי דלקדים זכירה לעשייה, דכתיב נזכרים ונעשים.

[מא] כדהובא דברי הגמרא שם, לעיל בהערה יב.

KolSatmar.com

אַז ס'ברויך צו זיין פאַר פורים, [ווייל] אַזוי זאָגט דער פסוק **נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים**, די זכירה [דפרשת זכור] איז **זְכִירָה קוֹדֶם לַעֲשִׂיָּה**, איבערדעם איז דאָך **מַקְדִּימִין** [לרב, והכי קיימא לן], **ווייל ס'איז געדרינגען פונעם פסוק נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים אַז זְכִירָה קוֹדֶם לַעֲשִׂיָּה.**

**נ**

ואף שהפסוק נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים נאמר רק במגילה שהוא דברי קבלה. אבל מצינו כיוצא בזה בגמרא, לענין ההלכות שבספר יחזקאל, שבאמת הם מדאורייתא בהלכה למשה מסיני, אלא דאתא יחזקאל ואסמכינהו אקרא

**איי כ'וועל פרעגן וואָס האָט מען געטון 'פריער'** [קודם ימי מרדכי ואסתר].

[נאָר] ס'שטייט דאָך, די גמרא זאָגט דאָך, אין **תענית דף י"ז** (ע"ב) **זאָגט דאָך די גמרא**[מב] **קעגן אַן אַנדער ענין**[מג] **וואָס יחזקאל האָט מְגַלֶּה געווען דעם פְּשַׁט אין פסוק, פרעגט די גמרא עַד דְּאָתֵי יְחֶזְקֵאל מַאן אָמְרָה, וויאַזוי האָט מען געוואוסט פון דעם איידער** [יחזקאל האָט עס געזאָגט]. **אויף דעם ענטפערט די גמרא וליטעמיך, מ'געפינט דאָך ערגעץ אַנדערש אויכעט דבר זה וואָס לא למדנו מתורת משה אלא מדברי קבלה. אלא גמרא גמיר לה, ואתא יחזקאל ואסמכינהו אקראי.**

**נא**

**זעט מען אין די גמרא מבואר, אַז די אַלע זאַכן וואָס מ'טרעפט אין דברי קבלה**[מד] [ווי] **זיי זענען מפרש אין די מצות התורה, דעס איז געווען בקבלה** [אויך פון] **'פריער', ס'איז געווען אַ הלכה למשה מסיני געווען פריערער, און נאָכדעם זענען געקומען די נביאים און זיי האָבן עס מסמיך געווען** [אקרא], **זיי האָבן עס נאָכדעם אַריינגעשטעלט אין פסוק.**

**נב**

וכמו כן בהך קרא דמגילת אסתר, כיון שנאמר כן בפסוק, אמרינן דהכי גמיר לה מסיני, אלא דאתא מרדכי ואסמכה אקרא

**ממילא אַז ס'איז דאָ אַ לימוד דערויף מדברי קבלה, נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים, אַז דער פְּשַׁט איז פון זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, אַז ס'איז פאַר פורים, ווייסט מען אַז דאָס איז פריער געווען** [אויך אַזוי], **אַז פריער איז עס געווען מקובל איש מפי איש,** [נאָר] **פריער איז עס געווען גמרא גמיר מסיני, און אַצינדערט האָט מען עס אין די מגילה האָט מען עס מְבַאֵר געווען, האָט מען עס אַריינגעשטעלט אין פסוק.**

**נג**

ובפרט לפי המבואר בירושלמי, דמגילת אסתר כבר נמסרה מסיני, אלא שהיה הדבר בסוד לראשי הדור בלבד, וכמו שמבאר בישמח משה. והבה"ג מנאה בחשבון התרי"ג. וא"כ כבר נמסר כל זה מסיני לראשי הדור דקריאת זכור צריך שיהיה בחודש אדר, שהוא בשבת שלפני פורים

**איבערהויפּט** [אויף] **די מגילה שטייט דאָך אַרויס אין ירושלמי**[מה], **אַז די מגילה האָט מען געגעבן מסיני, די גאַנצע מגילה, אַזוי ווי ס'איז, איז געווען נמסר למשה מסיני, אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה.**

---

[מב] בגמרא תענית (יז:): אמר ליה רבינא לרב אשי הא מקמי דאתא יחזקאל מאן אמרה, אמר ליה וליטעמיך הא דאמר רב חסדא דבר זה מתורת משה לא למדנו ומדברי קבלה למדנו, כָּל בֶּן נֵכָר עֶרֶל לֵב וְעֶרֶל בָּשָׂר לֹא יָבוֹא אֶל מִקְדָּשִׁי (יחזקאל מד, ט), הא מקמי דאתא יחזקאל מאן אמרה, אלא גמרא גמיר לה [בקבלה מסיני], ואתא יחזקאל ואסמכה אקרא. הכא נמי, גמרא גמיר לה ואתא יחזקאל ואסמכה אקרא.

[מג] לענין שפרועי ראש לא יכנסו למקדש, כמו שתויי יין.

[מד] פירוש: דברי נביאים וכתובים.

[מה] בירושלמי מגילה (דף ז.): רב ור' חנינה ור' יונתן ובר קפרא ור' יהושע בן לוי אמרו, המגילה הזאת נאמרה למשה מסיני, אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. [ועיין זה גם ברות רבה ד, ה].

KolSatmar.com

מ׳האָט עס נאָר געהאַלטן [בסוד] ביז דעמאָלטס.

אַזוי ווי ס׳שטייט אין **ישמח משה**[מו], טייטשט ער **וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת כָּל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה**, [ווייל] די **ראשי הדור** האָבן געהאַט די מגילה דור אחר דור, האָט ער געוואוסט אַלעס, [און] ער האָט דאָס אויך געוואוסט דעם גאַנצן [וַיִּזְעַק זְעָקָה גְדוֹלָה], ער האָט געזען אין דער מגילה אַליין, אַז ער ברויך אַזוי צו טון, ער האָט נאָר נישט מְגַלֶה געווען פאַר אַן אַנדערן. אָבער על כל פנים איז עס געווען [המגילה נמסר מסיני ביד ראשי הדור].

**נד**

דער **בה״ג** רעכנט דאָך גאָר מקרא מגילה פון די **תרי״ג מצות**, און דער **רמב״ן**[מז] האַלט אויך מיט אים. ס׳איז [אַן] אריכות הדברים אין דער פלוגתא.

**נה**

אָבער על כל פנים איז דאָך דאָס געווען [שוין פון פריער, ואם כן ידעו ראשי הדור דזמן קריאת זכור הוא דייקא בחודש זה, קודם י״ד אדר].

**נו**

איך זעה דאָך ערגעץ אַנדערש אויך אַזוי, אפילו ביי יחזקאל אָדער אַנדערע דברי נביאים וואו ס׳איז דברי קבלה, איז בידוע אַז וואָס ס׳שטייט דערויף מפורש אַ פסוק [בביאור איזה מצוה, כבר היה זה נמסר בקבלה מסיני בעל פה].

---

[מו] **בישמח משה פרשת תרומה** (ד״ה עוד ביאור על המדרש, אות ה): דהנה **הבעל הלכות גדולות** מונה מצות קריאת המגילה בתוך שאר המצות שניתנו למשה מסיני, והנה **הרמב״ם בספר המצות** השיג על הבעל הלכות גדולות בזה, דאיך יתכן קריאתה להנתן בסיני, הלא כל ענין מעשה אחשורוש והמן לא היה רק אחר החורבן בית ראשון אשר מזה נמשך קריאת המגילה, ובזמן נתינת התורה במעמד הנבחר עוד לא נעשה ולא נשמע מהנס הלזה. והנה **הרמב״ן** ז״ל (על סהמ״צ שם) תירוץ דברי הבעל הלכות גדולות, והביא ראיה **מהגמרא מגילה** (ז.) מה דדרשו על הפסוק (שמות יז יד) כתוב זאת זכרון בספר, כתוב זאת מה שכתוב כאן ובמשנה תורה, זכרון מה שכתוב בנביאים, בספר מה שכתוב במגילה, עד כאן. הרי חזינן דקריאת המגילה ניתנה למשה, וְהִרְבָּה עוד להביא ראיות מהירושלמי, עיין שם **בספר המצות** שלו. ○ ובזה פירש **היפה מראה** סיפא דקרא ושים באזני יהושיע, דקשה הלשון ושים באזני, דמורה שילחוש לו באזניו דרך סוד נסתר מהמון, והלא כל התורה שבכתב ושבעל פה למד משה עם כל ישראל. אבל הענין הוא, דבאמת דבימי מרדכי ואסתר היו צריכים לתשובה גדולה, וכמאמר רז״ל (מגילה יב.) מפני מה נתחייבו ישראל שבאותו הדור כליה, וכאשר באמת עשו כל ישראל שבדור ההוא תשובה שלימה, ותיקנו מה שפגמו. והנה אם היה נגלה ונתפרסם מקודם נפילת המן הצר הצורר ותשועתם וכל המעשה מראש ועד סוף, בודאי מורא לא היה עולה על ראשם מגזירת המן, וממילא לא היה סיבה המביאם לעשות תשובה. לזה נסתר מהמון מצות קריאת המגילה בשעת מתן תורה, ולא נמסר רק למשה לבדו, והוא מסרה ליהושע, וכן כל ראש הדור מסר זה בדרך סוד לראש הדור שלאחריו, עד מרדכי. והיינו כְּתֹב זֹאת וגו׳ **בַּסֵּפֶר** מה שכתוב במגילה, **וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ**, באזני דייקא, והבן עד כאן. ובזה **פירשתי** הפסוק **וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת כָּל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה** וגו׳, דהנה מרדכי אשר הוא היה אז ראש הדור, ולו נמסר מהיחידי סגולה שקדמוהו כל הענין הגזירה וגם ההצלה, באמת לא פָּחַד ולא היה ירא מגזירת המן, ומה שהרעיש כל כך לא היה רק לנגד ההמון עם כדי שיעשו תשובה בלב שלם, והיינו וַיִּקְרַע מָרְדֳּכַי וגו׳ **וַיֵּצֵא ׳בְּתוֹךְ הָעִיר׳** וַיִּזְעַק וגו׳, דהיינו בפני ההמון, אבל הוא בעצמותו ידע שפיר כנ״ל.

**ובישמח משה** על נ״ך (אסתר ד, א): וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת כָּל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה. על פי המבואר **בירושלמי** מסכת מגילה דהמגילה הזאת נאמרה למשה כו׳. ועיין **ביפה מראה** שכתב דנמסר רק **ליחידי סגולה**, ולא הגיע הדבר לאוזן מרדכי ואסתר. ועיין **בעיר בנימין** על הירושלמי דמסכת מגילה מה שכתב על הפסוק וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ כו׳ (ותוכן דבריו, דאם היה בנגלה לא היו ישראל משימים על לב לעשות תשובה, כי היו בטוחים על דבר ה׳ שימחה את זכר עמלק), כי נכון הוא. ○ ולי נראה דהיה המצוה רק למסור ליחיד ראש הדור, וכן דור אחר דור היה רק יחיד שידע מזה, **ומרדכי** היה ידע באותו דור, דול והרמז **מרדכי** הוא [אותיות] **דכר מ״י**, ראשי תיבות מ׳סירת י׳הושע. לכך שתק בלקיחת אסתר, וצוה עליה אשל לא תגיד, ואסתר לא ידעה, רק אֶת מַאֲמַר מָרְדֳּכַי אֶסְתֵּר עֹשָׂה, כי ידעה כי ראוי לסמוך עליו. רק שמרדכי לא גילה הדבר, כדי שיעשו תשובה. ○ והיינו **ומרדכי ידע את כל אשר נעשה, ויצא ׳בתוך העיר׳ ויזעק**, כדי להחזירם בתשובה, אבל לא בביתו בצנעה, והבן.

[מז] **בהשגות הרמב״ן** על ספר המצות להרמב״ם (שורש הראשון), אשר הרמב״ם תמה וחולק על הבה״ג בזה, והרמב״ן האריך שם להליץ בעד הבה״ג ולישב תלונות הרמב״ם על דבריו, עיי״ש באורך.

KolSatmar.com

**נז**

וברמב״ם מבאר דכן הוא בכמה לימודים שטרחו למצוא בגמרא על אופן קיום המצות, דהם רק למצוא מקום רמיזתם בקרא, אבל עיקר הדבר הוא משום דכך נמסר בעל פה מסיני שכן הוא אופן קיום המצוה

דער **רמב״ם**[מח] זאָגט דאָך אינגאַנצן אויף אַלע מצות אַזוי, אַז וואָס די **גמרא** לערנט אַרויס[מט] [דפרי עץ הָדָר הוא] **אֶתְרוֹג**, [דדרשינן מלשון] **הַדָר בְּאִילָנוֹ מִשָׁנָה לְשָׁנָה**, איז דען געדרינגען פון דאָרטן, דער ״הָדָר״ איז דאָך נישט איבעריג, איך ברויך אים האָבן לגופיה – [דעם פסוק] **פְּרִי עֵץ ״הָדָר״ – פּאַר דער מצוה** [שיהא הדור ונאה].

נאָר וואָס דען, [זאָגט דער רמב״ם], אָבער דער אֱמֶת ס׳איז קיין שום הכרח נישט איך זאָל דַרְשֶ׳נען פון דאָרטן הַדָר באילנו, אויף אֶתְרוֹג, [אלא שכן היה בקבלה בידם למשה מסיני, אלא דחפשו אסמכתא על זה בפסוק].

**נח**

צי ביי **שחיטה**[נ] פרעגט די **גמרא**[נא] [מנין לשחיטה שהיא מן הצואר, ומתרץ שנאמר ׳וְשָׁחַט׳], **ממקום שֶׁשָׁח חֲטֵהוּ**.

[ובאמת] איך ברויך האָבן דעם **וְשָׁחַט לגופיה**, ס׳איז נישט איבעריג. [ועוד דמבואר בגמרא כי] דער **דְרַשׁ** איז נישט קיין הכרח [אַז] איך זאָל מיר אויפדרינגען פון דעם דעם גאַנצן סדר השחיטה.

**נט**

צי דעם גאַנצן דין פון **אֶתְרוֹג** (כדלעיל באות נז).

**ס**

נאָר זאָגט דאָך דער **רמב״ם**, דער עיקר איז [ווייל] זיי זענען אַזוי **מקובל** געווען **מסיני איש מפי איש**, איידער מ׳האָט זיך געפּלאָגט אין די גמרא פון וואַנעט ס׳איז געדרינגען, און איידער מ׳האָט דאָס מבורר געווען דעם דרוש, האָט מען אויך גענומען אַן אתרוג, און מ׳האָט אויך גע׳שָׁחְטְ׳ן אויף **דעם פלאַץ**.

די אַלע זאַכן, דאָרט וואו די גמרא פלאָגט זיך און מ׳זאָגט קודם אַזאַ **לימוד**, און

---

[מח] **בהקדמה לפירוש המשניות סדר זרעים**. – ורבינו הזכיר דבריו גם בשבוע שלפניו בס״ג **שקלים תשי״ד** (לשון קדשו רל, אות מג), וכבר העתקנו לשונו שם.

[מט] **בגמרא סוכה** (לה.): תנו רבנן, **פְּרִי עֵץ הָדָר** (אמור כג, מ), **עץ שטעם עצו ופריו שוה, הוי אומר זה אֶתְרוֹג וכו׳.** רבי אומר אל תקרי הָדָר אלא הַדִּיר, מה דִּיר זה יש בו גדולים וקטנים תמימים ובעלי מומין, הכי נמי יש בו גדולים וקטנים תמימים ובעלי מומין. אטו שאר פירות לית בהו גדולים וקטנים תמימין ובעלי מומין, אלא הכי קאמר, עד שבאין קטנים עדיין גדולים קיימים. רבי אבהו אמר אל תקרי הָדָר אלא הַדָּר, **דבר שדר באילנו משנה לשנה**. בן עזאי אומר אל תקרי הדר אלא (אידור) [הדור] שכן בלשון יווני קורין למים (אידור) [הדור], ואיזו היא שגדל על כל מים, הוי אומר זה אתרוג

[נ] ראיה זו אינו מדברי הרמב״ם, אלא דברי רבינו שמוסיף עוד דוגמא מתוך הגמרא.

[נא] **בגמרא חולין** (כז.): אמר רב כהנא, **מנין לשחיטה שהיא מן הצואר**, שנאמר (ויקרא א, ה) **וְשָׁחַט אֶת בֶּן הַבָּקָר, ממקום שֶׁשָׁח חֲטֵהוּ** [פירש״י ממקום ששח, שכופף. חטהו, הכשירהו לאכילה וטהרהו. לישנא אחרינא חטהו הוציא את דמו ונקהו, ולהאי לישנא גרסינן חטהו לישנא דדכויי הוא, וללישנא קמא גרסינן דאכשורי הוא]. ○ **ממאי דהאי חטהו לישנא דדכויי הוא**, דכתיב (מצורע יד, נב) וְחִטֵּא אֶת הַבַּיִת. **ואיבעית אימא מהכא, תחטאני באזוב ואטהר.** ○ **ואימא מזנבו** [שכפוף תמיד], **שח מכלל שזקוף בעינן** [ששח משמע כופף ולא כפוף, מכלל שבדרך הליכתו הוא זוקף], **והא שח ועומד הוא. ואימא מאזנו** [שהוא כופפה כשהוא רוצה], **בעינן דם הנפש וליכא** [דהא בקדשים כתיב, ודם הנפש בעינן לזריקה, דכתיב (אחרי יז, יא-יד) דָּמוֹ בְנַפְשׁוֹ הוּא, וַאֲנִי נְתַתִּיו לָכֶם עַל הַמִּזְבֵּחַ וגו׳, דם שהנפש יוצאה בו מכפר]. **ואימא דקרע ואזיל עד דם הנפש**, ותו ׳שהייה דרסה חלדה הגרמה ועיקור׳ מנלן, **אלא גמרא** [הלכה למשה מסיני], **שחיטה מן הצואר נמי גמרא. וקרא למאי אתא, דלא לשוייה גיסטרא** [שלא יחתוך כל המפרקת לשנים, דהכי משמע חטהו, הוצא את דמו ותו לא, ולאידך לישנא הכשר אכילתו דהיינו הסימנין ותו לא].

KolSatmar.com

מ'ווענדט אים אָפּ און מ'זאָגט אַן אַנדערן לימוד, הגם מ'האָט פריער אויך געוואוסט פון דעם דין, נאָר וואָס דען, דאָס איז אַלעס **בקבלה** געווען, נאָר מ'האָט געזוכט עס מסמיך צו זיין אויפן פסוק.

אָבער דער אֱמֶת זענען די אַלע זאַכן געווען מסיני, אַז מ'איז אַזוי **מקובל** געווען אַז אַזוי איז דער פְּשַׁט, [וממילא בכל אופן] איז דאָס די **הלכה**.

סא

ואם כן גם במצות זכור יש לומר דכך נמסר מסיני בחיוב וזמן קריאתה, דהוא סמוך לזמן הפורים. ולשיטת רב הוא דייקא קודם לפורים בשבת זו [וכסברת התרומת הדשן], ולשיטת שמואל יכולין לצאת גם ביום הפורים עצמו [וכסברת המגן אברהם]

[וכמו כן במצות זכור] דאָס איז די זעלבע ענין, אַז איך זעה אַמאָל אַז חכמינו ז"ל האָבן זיך אויפגעדרינגען פון די מגילה אַז דער לימוד פון פרשת זכור, אַז דער חיוב [קריאה] פון **פרשת זכור** איז **סמוך לפורים**, אַ שבת פריער, אַזוי ווי **רב** לערנט מקדימין, און על כל פנים אפילו לויט **שמואל** מוז עס אויכעט זיין אין דעם טאָג על כל פנים, פון די עשיה, [משום דכתיב] **נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים**. [מהא שמעינן] איז עס אַודאי אַזוי [נמסר] **למשה מסיני** אַז אַזוי איז דער פְּשַׁט פון "זכור", אין **דעם זמן**, דאָס איז דער זמן, דאָס איז דער זמן וואָס די תורה הקדושה האָט געזאָגט **זכור בפה**.

סב

ממילא קען מען נישט יוצא זיין [אין] **פרשת כי תצא**, ווייל דער פסוק זאָגט **נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים**, זכירה מיט עשיה צוזאַמען, און פרשת כי תצא איז נישט דאָס פּלאַץ [של זמן העשייה].

סג

נאָר אויף **פורים** [אַליין] קאָן מען אַריינקלערן און זאָגן [אז] ווייל ס'איז דער זמן פון מגילה, איז עס אויכעט אין כלל פון **נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים**, [וכסברת שמואל דשאני פורים עצמו שהוא יום העשייה, ובזה יובן שיטת המגן אברהם דיוצאין בפורים בקריאת ויבא עמלק, דבשעת הדחק כגון לבני הכפרים סמכינן אסברת שמואל, אף כשלא חל פורים בשבת].

סד

על כל פנים דאָס איז געווען זעט אויס, דאָס איז געווען די שיטה פונעם **תרומת הדשן** וואָס ער לערנט אַז דער חיוב דאורייתא איז טאַקע ארויסדרוקליך אויף **דעם שבת**, ווייל אַזוי איז געדרינגען פונעם **פסוק**. [והוא סובר כשיטת רב דלא סגי ביום הפורים עצמו, אלא צריך להקדימו קודם הפורים].

סה

## ביאור לשון הפיוט: נָא אַתָּה זְכוֹר

היוצא מכל זה, דחיוב לא תשכח בלב נוהג בכל השנה, וחיוב זכור הוא בפה, וזמנה סמוך לפורים דייקא

היוצא לנו מזה, על כל פנים איז דאָס צוויי הלכות, צוויי דינים.

איינס דעס וואָס מ'איז **מזכיר בפה** [בשבת שלפני פורים].

און דער **לֹא תִּשְׁכָּח** דאָס איז ווידער, דאָס איז נישט מקושר מיט קיין זמן, דאָס איז מוטל אויף יעדן איד אַז מ'זאָל דאָס נישט פאַרגעסן.

איבערדעם איז דאָס צוויי זאַכן, [וקריאה דשבת זו] דעס איז [מצות] **זָכוֹר בְּפֶה**.

[ונמצא כי "זכור" אֵין פירושו 'געדענקן' בלב, אלא פירושו הוא 'דערמאנען' בפה].

KolSatmar.com

### סו

ובזה יבואר דברי הפייטן, שאנו מבקשים שהקב"ה שהוא יזכור את אשר עשה עמלק

**איבערדעם איז רעכט דעס וואָס מ'זאָגט, מ'זעט דאָ אָט דאָ אין פַּיֶיט - ס'איז דאָ אַ מדרש איז עס אויכעט[נב], - מ'זאָגט אין פַּיֶיט[נג], עַד שָׁאַתָּה מְצַוֵּנוּ לִזְכֹּר, דו הייסט אונז** [א] **זְכִירָה זיין, אָנוּ, וואָס קאָן מיר אונז דען, נאָר אַתָּה זְכוֹר,** [דלפי פירושו] **זאָגט מען פאַרן בורא כל עולמים** [אז] **ער זאָל דאָס 'געדענקען'.**

### סז

דלפי משמעות הפשוט דזכירה היינו שלא ישכח בלב, אם כן קשה האיך שייך לבקש
שהקב"ה יזכור, והלא אין שכחה לפני כסא כבודו, ובלאו הכי הוא זוכר הכל

**לכאורה ווי קען מען זאָגן פאַרן באַשעפער זְכוֹר** [אם פירושו 'געדענקן', והלא] **אֵין שִׁכְחָה לִפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדוֹ יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ. ווען דאָס זאָל האָבן אַ שייכות די זְכִירָה וועגן שִׁכְחָה, האָט דאָך ניטאַמאָל קיין פלאַץ אַז מ'זאָל דאָס זאָגן, ביים בּוֹרֵא עוֹלָם איז דען פאַרהאַנדן שִׁכְחָה, ממילא האָט דאָך נישט קיין פלאַץ די זְכִירָה.**

### סח

אבל לדרכינו דהכוונה 'להזכיר בפה', אתי שפיר, דהכוונה שעל ידי זכירה בפה שלנו מלמטה יתעורר הזכירה בפה
למעלה, שהקב"ה יאמר זאת בפה. וכשיבא הזמן שהקב"ה יאמר כן, אז בודאי יתקיים ענין מחיית עמלק בפועל

**נאָר דער אֱמֶת איז** [דפירושו 'דערמאנען' בפה]**, ווי איך האָב געזאָגט** (באות טו-יז, מב, סה) **אַז דאָס איז צוויי מִצְוֹת** [זכור בפה, ולא תשכח בלב. און] **דעס איז אַ פְּשִׁיטָא, דאַרף מען גאָרנישט זאָגן** [שהבוכ"ע מקיים לא תשכח בלב, דאין שכחה לפניו]**, נאָר דאָס איז אַן עקסטערע זאַך, אַז דער בורא עולם האָט מַקְפִּיד געווען מ'זאָל דאָס "מַזְכִּיר" זיין בְּפֶה. הקדוש ברוך הוא ווייסט דאָך די סְגוּלָה פון יעדע מִצְוָה, וואָס אונז פאַרשטייט מיר נישט.** [ולזה מבקשין שהקב"ה גם כן יזכיר זאת 'בְּפֶה'].

### סט

[און] **מיט דער זכירה** [בפה שלנו, מעוררין ההזכרה בפה למעלה]**, אַזוי ווי ס'שטייט אין מדרש[נד], הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט,** [ווען] **אידן האָבן געפרעגט וואָס קאָן מיר אונז טון, מ'זעמיר נישט בכח, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט הוו זכורים מעשה עמלק, ומעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו, דער בורא כל עולמים נעמט אָן די זכירה ווי גלייך מ'האָט אים מוחה געווען.**

---

[נב] **בתנחומא כי תצא** (סימן ט): אמרו ישראל לפני הקב"ה, רבש"ע אתה אומר לנו זכור, אתה זכור, שאנו שכחה מצויה בנו, ואתה אין לפניך שכחה, לכן זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, לנו עָשָׂה ולך לא עָשָׂה? הדא הוא דכתיב (תהלים קלז, ז) זְכֹר ה' לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם וגו'. [וכן הוא בפסיקתא המובא להלן].

[נג] **ביוצרות לשבת זכור** (בפיוט שקודם קדושה): זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לָךְ. אֲשֶׁר קָרְךָ וַיְּחַשִּׁילָךְ. וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לָךְ. תִּמְחֶה זִכְרוֹ מִכָּל גְּבוּלָךְ. וְהֵם יָשִׁיבוּ וְיֹאמְרוּ לָךְ. וּמִשֶּׁלָּךְ עוֹד יִתְּנוּ לָךְ. אָנָּא הָקֵם אֶת דְּבַר מְלוּלָךְ. עַד שָׁאַתָּה מְצַוֵּנוּ הִזָּכֵר לָךְ. אַתָּה זְכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשׂוּ לָךְ. זְכוֹר ה' אֶת יוֹם זְבוּלָךְ. הַמִּתְגָּאִים וְנוֹאֲמִים פֹּה מַה לָּךְ. הַשּׁוֹלְחִים זְמוֹרוֹת בְּאַף לְחַלְלָךְ. זְכוֹר כִּסֵּא כְּבוֹד גָּדְלָךְ. אֲשֶׁר מִגְּרוּ וְנִאֲצוּ לְמוּלָךְ. וְשִׁלְחוּ בָּאֵשׁ הֵיכָלָךְ. וַיָּשִׁימוּ כָּל גְּבוּלָךְ. וְשִׁדְּדוּ וְנִתְּקוּ יְרִיעוֹת אָהֳלָךְ. אֲשֶׁר צִוִּיתָה לֹא יָבֹאוּ בַקָּהָל לָךְ. אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי בִּגְלָלָךְ. וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם הִלּוּלָךְ. עָלֶיךָ יַעֲזוֹב חֵילָךְ. וְיוֹתֵר מֵאֲשֶׁר עָשׂוּ לָנוּ עָשׂוּ לָךְ. אוֹתָנוּ בַּמִּדְבָּר נִלְחָמוּ. וְאוֹתְךָ בְּיִשּׁוּב נִתְלַחֲמוּ וכו'.

[נד] **בפסיקתא** (פרשה יב): תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק וגו' אמרו ישראל לפני הקב"ה, רבון העולמים, **אתה אומר לנו הוו זכורים למחות את זכר עמלק, בשר ודם אנו, לשעה אנו, אתה שאתה חי וקיים לעולמי עולמים הוי זכור. אמר להם הקב"ה, בָּנַי אין לכם אלא להיות קוראים פרשת עמלק בכל שנה, ומעלה אני עליכם כאילו אתם מוחים שמו מן העולם.** ○ ועוד שם (פרשה יג): כיון שהקב"ה מְצַוֶּה את ישראל ואמר זָכוֹר וגו', אמרו לו אַתְּ הוי זכור, שנאמר (תהלים קלז, ז) זְכֹר ה' לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם. אמר להם הקב"ה, **עֲשׂוּ את שלכם, 'תִּמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, ואני אעשה את שלי, כִּי מָחֹה 'אֶמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק.**

KolSatmar.com

איז דאָך עפּעס דאָ אַן ענין פון מְחִיָּה - מְחִיַּת עֲמָלֵק - ליגט אין די דִּבּוּרִים.
[ואם כן] על אחת כמה וכמה ווען ס'איז מיטן רְצוֹן הָעֶלְיוֹן, ווען הקדוש ברוך הוא זאָל עס זאָגן, ווערט עס אַודאי געטון.

ע

הגם הקדוש ברוך הוא האָט [בלאו הכי] געגעבן די הבטחה מָחֹה "אֶמְחֶה", אָבער ס'איז דאָך אין אַ זמן [מיוחד, לעתיד]. ס'וועט אַודאי זיין, אָבער ס'קען נישט זיין ווען אימער. [ולכן] בעט מען זיך פאַרן בורא עולם [בכל שנה, אז] ער זאָל זאָגן טאַקע 'שוין', אַז ס'זאָל זיין, דאָס איז די בקשה. [ווייל] אַז ס'איז דער דיבור פון הקדוש ברוך הוא, איז עס שוין אַ הכרח, ווערט דאָך אַלדינגס געטון, כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי הוּא צִוָּה וַיַּעֲמֹד.

עא

איבערדעם בעט מען דעם באַשעפער, עד שאתה מְצַוֵּנוּ לזכור, וואָס קאָן מיר אונז דען אויפטון, בעט מיר זיך 'אַתָּה' זְכוֹר, דעם [אַתָּה] 'זְכוֹר' מיינט מען זָכוֹר בְּפֶה.

עב

הגם ביים בורא כל עולמים איז דאָך דאָס אויך נישט פאַרהאַנדן, [אָבער] על כל פנים ס'איז דאָ אַ בְּחִינָה וואָס ס'הייסט לשון "זָכוֹר בְּפֶה". וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף, אונז ווייס מיר נישט [באיזה בחינה שייך ענין זכירה בפה למעלה], פאַרשטיי מיר נישט וויאַזוי, אָבער על כל פנים איז דאָך דאָס פאַרהאַנדן [בחינה הנקראת כך].
אַזוי ווי משה רבינו האָט גע'פּוֹעֵל'ט [אז] דער בורא עולם האָט 'געזאָגט' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ (שלח יד, כ), און 'דאָס' [דיבורו יתברך] האָט שוין געטון די פְּעוּלָה. אַזוי בעט מען זיך ביים בורא כל עולמים, אַז דער בורא כל עולמים זאָל 'זאָגן'.

עג

דאָס איז דאָך הָא בְּהָא תַּלְיָא, דער גאַנצער יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל [תלוי במחיית עמלק].
דער מדרש זאָגט דאָך אַזוי[נה], דעמאָלטס וועט זיין מְחִיַּת עֲמָלֵק, ווען הקדוש ברוך הוא וועט זיין יָחִיד בְּעוֹלָמוֹ, וועט בָּטֵל ווערן אַלע עבודה זרה ועובדיה, אַלעס וועט בָּטֵל ווערן, אַזוי שטייט דאָך. דאָס איז אויך איינס פון די מאמרי חכמינו ז"ל.
איבערדעם בעט מען זיך אַז ס'זאָל שוין טאַקע ביים בורא כל עולמים זיין אַתָּה זְכוֹר.

עד

ולכן המצות "זכירה" הוא דייקא סמוך "לעשיה", כי תכליתו לעורר הזכירה למעלה שזה מביא לידי עשייה וקיום בפועל

איבערדעם איז טאַקע רעכט [וואָס] מ'איז מסמיך זכירה לעשיה [לקרות פרשת זכור דייקא סמוך לפורים, וכדילפינן מהפסוק] נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים, ווייל מ'ברויך האָבן אַזאַ "זְכִירָה"

---

[נה] באיכה רבה (ג, כג): תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם [מִתַּחַת שְׁמֵי ה'] (איכה שם, סו). ירמיה אמר תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם, ומשה אמר כִּי מָחֹה אֶמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם. רבי אליעזר אומר אימתי יאבד שמם של אלו מן העולם, ותיעקר עבודת כוכבים ועובדיה מן העולם, ויהא הקב"ה יחידי בעולם, כענין שנאמר (זכרי' יד, ט) וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד, בשעה שתרדוף באף ותשמידם מתחת שמי ה'. רבי נתן אמר לא בא הָמָן אלא לזכר ישראל, הדא הוא דכתיב (אסתר ט, כח) וִימֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה לֹא יַעַבְרוּ מִתּוֹךְ הַיְּהוּדִים וְזִכְרָם לֹא יָסוּף מִזַּרְעָם.
ובילקוט שמעוני (בשלח, רמז רסו): רבי אליעזר אומר אימתי יאבד שמם של אלו, בשעה שתעקר עבודת אלילים ועובדיה, ויהיה המקום יחיד בעולם, ותהא מלכותו לעולם ולעולמי עולמים. באותה שעה וְיָצָא ה' וְנִלְחַם וגו' וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ (זכרי' שם, ג-ט), ואומר תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם וגו'.

KolSatmar.com

[אַז] ס׳זאָל טאַקע זיין אַן ״עֲשִׂיָּה״ [ס׳זאָל ווערן ׳געטון׳], איבערדעם ברויך מען דאָס מַסְמִיךְ זיין.

קאָן זיין דאָס איז טאַקע געווען [דער טעם פון] די קבלה אַז ס׳ברויך צו זיין זכירה [סמוך] לעשיה, אַז מ׳זאָל שוין זוכה זיין ס׳זאָל טאַקע שוין ׳געטון׳ ווערן.

**עה**

ולכן נאמר נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים בלשון ׳נפעל׳, כי על ידי זכירתינו ומעשינו למטה, נגרם ׳שנפעל׳ הדבר למעלה, ויתקיים מחיית עמלק בפועל

איבערדעם שטייט ״נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים״ [בלשון נפעל. כי] לכאורה פאַרוואָס שטייט נישט [זוכרים ועושים], אין די מגילה זאָגט מען דאָך אָן וואָס מ׳זאָל טון, העט מען געדאַרפט דאָך צו זאָגן אַז מ׳זאָל טון, מ׳זאָל זוֹכֵר זיין, מ׳זאָל עוֹשֶׂה זיין. [אבל] ״נִזְכָּרִים״ איז דאָך נאָר אַ לָשׁוֹן נִפְעָל, אַז ׳ס׳ווערט׳ געדענקט, ׳ס׳ווערט׳ געטון.

נאָר דאָס איז דאָך דער מְכֻוָּן, אַז ׳דער בורא כל עולמים׳ זאָל טון, דאָס איז טאַקע דער מְכֻוָּן דערפון, אַז מיט די זְכִירוֹת זאָל געטון ווערן, ס׳זאָל ״נִזְכָּר״ ווערן פאַר הקב״ה, יָבוֹא זִכְרוֹנֵנוּ לְפָנָיו, מ׳זאָל געדענקען [למעלה], אַז מ׳זאָל טאַקע געדענקען [באופן] ס׳זאָל ׳געטון׳ ווערן, אַז די ישועה זאָל במהרה געטון ווערן, ישועת ישראל.

**עו**

# הקדמה לישוב הקושיות בפרשת זכור

## מחיית עמלק תלוי בנצחון מלחמת היצר, ע״י תשובה ומעשים טובים

ולכן במחיית זכר ״עמלק״ הכוונה על הכנעת וביטול כל כוחות הרע והסטרא אחרא. וכמו שמבאר האלשיך הק׳ באורך

מְחִיַּת ׳עֲמָלֵק׳ איז דאָך [הכוונה על כוחות הרע] פון כָּל הַבְּחִינוֹת.

[שהרי] אין פַּשְׁטוּת [אז מ׳מיינט בלויז] טאַקע עֲמָלֵק וְגִירָא דִּילֵיהּ[נו], [לפי זה קשה שהרי] לכאורה פון דעם עֲמָלֵק׳ן ווייסט מען דאָך ניטאַמאָל ׳ווער׳ ער איז[נז], וויפיל איז דאָ פון זיי. [און] וואָס מ׳ליידט, איז דאָך פון ׳אַלע׳ אומות.

**עז**

הגם קאָן זיין אַז גאַנץ אֱדוֹם איז נכלל אין דעם[נח], [שהרי עמלק] ער איז דאָך מִזֶּרַע אֱדוֹם [שהוא עֵשָׂו].

[אמנם בפשטות] זעט דאָך אויס [דהמצוה הוא] בפרטיות [אויף] זֶרַע עֲמָלֵק, דער ציווי פון מְחִיַּת עֲמָלֵק, מָחֹה תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר ״עֲמָלֵק״, דאָס איז דירעקט אויף אים, דירעקט אויף עַמָלֵק׳ן.

---

[נו] פירוש חִצָּיו וכחותיו.

[נז] ועיין באורך **בויואל משה** (ב, כה-כו) לענין ז׳ עממין שכבר אבד ונתבלבל זכרם. ועיין **בשאגת אריה** (סימן מט). [והנה בלשון ישמח משה המובא בהערה י, משמע (בסוף דבריו שם) שסובר דהעמלקים מצויים וידועים גם כהיום, עיי״ש. אבל באמת דבריו הם לפלא, דהלא אין אתנו יודע עד מה מי הם. וצ״ל שכוונתו על הצדיקים שיודעים להכירם ברוח הקודש, ואפילו הכי לא מצינו שיתעסקו בהריגתם, ובזה יובן צחות לשונו שם, שמסיים ׳וזה ברור לדעתי כשמש׳. ומי יבא בסוד קדושים].

[נח] כמבואר **ברמב״ן** (בשלח יז, ט): **ויתכן שפחד משה פן יתגבר בחרבו מפני היותו עַם נוחל החרב מברכת הזקן שאמר לו** (תולדות כז, מ) **וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה, כי המלחמה מן המשפחה הזאת היא הראשונה והאחרונה לישראל, כי עמלק מזרע עשו** (וישלח לו, יב)**, וממנו באה אלינו המלחמה בראשית הגוים, ומזרעו של עשו היה לנו הגלות והחרבן האחרון, כאשר יאמרו רבותינו** (עבודה זרה ב:) **שאנחנו היום בגלות אדום, וכאשר ינוצח הוא, וְיֶחֱלָשׁ הוא ועמים רבים אשר אתו, ממנה נִוָּשַׁע לעולם, כאשר אמר** (עובדי׳ א, כא) **וְעָלוּ מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפֹּט אֶת הַר עֵשָׂו וְהָיְתָה לַה׳ הַמְּלוּכָה.** והנה כל אשר עשו משה ויהושע עמהם בראשונה, יעשו אליהו ומשיח בן יוסף עם זרעם, על כן התאמץ משה בדבר.

**עח**

[נאָר] **לעולם איז דאָך, ס'שטייט דאָך**[נט] **דער שַׂרוֹ שֶׁל עֲמָלֵק איז דער שַׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו, דאָס איז דער סמ"ך מ"ם, דאָס איז דער יֵצֶר הָרָע, ביז ס'וועט זיין אֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה יַעֲבִיר מִן הָעוֹלָם** (זכרי' יג, ב).

**עט**

**דאָס איז דאָך דער** [ביאור פונעם] **אלשיך הקדוש**[ס], [וואָס] **ער פאַרענטפערט דאָך מיט דעם אַלע דקדוקים** [שבפסוק וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב (כנזכר בשמו לעיל בקושיא ד-ו), [פאַרוואָס] **נאָר דעמאָלטס.**

---

נט **בזוהר הק'** (רע"מ תצא רפא:). **ועי' בדברי האלשיך המובא להלן, ובספר ציוני** (בשלח, בפסוק ויבא עמלק). **ובביאור הרמ"ק על הזוהר** (תצא רעז:). **ועי' בתפלה למשה** (תהלים סג, יב), **ובייטב לב** (פרשת תצוה) **וייטב פנים** (זכור, אות ה).

ס **באלשיך הק'** (סוף כי תצא): **ושמא תאמר הלא עזבת הנוגע אליך בעד הנוגע אלינו, כי משלנו עשית עיקר לזכור תחלה, באמור זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, ומה בצע בזה אם לא פקדת מיד לא זה ולא זה, ולא עוד אלא שעדיין הדבר תלוי. לזה אמר וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים, והוא, כי היותך עיף ויגע לא הספיקה הכנעה זו לשתהיה יְרֵא אֱלֹקִים, ועל כן לא היה אפשר למחותם עודך בלתי יְרֵא אֱלֹקִים. ○ והוא כי אי אפשר להפיל את עמלק כל עוד שימצאו דברי עונות בישראל, וזה ענין גאולתינו העתידה מגלות אדום, שאי אפשר אלא על ידי תשובה וכו', שעל כן אם זכו מעצמם בתשובה, יחישנה, ואם לאו תבא בעתה, על ידי חבלי משיח, למען ישובו על כרחם בצר להם. והענין, יען כי אין אומה נופלת למטה עד יפיל הוא יתברך את שָׂרָהּ למעלה, כמה דאת אמר יִפְקֹד ה' עַל צְבָא הַמָּרוֹם בַּמָּרוֹם ואחר כך וְעַל מַלְכֵי הָאֲדָמָה עַל הָאֲדָמָה** (עי' להלן בהערה סא). **והנה ידוע כי אין שַׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו וַעֲמָלֵק כיתר שרים, כי זה אי אפשר לו ליפול אם לא כשאין בישראל עונות. והוא כי שרו של עשו הוא ס"מ הוא שטן הוא יצר הרע, ועל כן כל עון אשר חטא אשר ביד ישראל הוא מוסיף כח ואומץ בו, ואם כן איככה נוכל לו ואיך יפול משמים ואנו מחזיקים אותו בעונותינו. ○ וזהו אומרו 'וְאַתָּה' עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים, ואם כן איך יפיל הוא יתברך את השר ההוא במרום ואין 'בכם' יראת אלקים. ○ לכן וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ 'מִסָּבִיב' בָּאָרֶץ, שהוא מכל האויבים 'המסבבים' את האדם, שהם כל כחות הטומאה שבראתם בעונותיכם, שהם המוסיפים כח בשרו של עמלק, אז בנפול האויבים ההם, באופן לא תתייחס הארץ למתנה שיש לה הפסק כי אם לירושה שאין לה הפסק, כי לא תירא תהיה הארץ אחריך לאויב, כמלך בבל וכיוצא, כי אם ירושה שאין לה הפסק, כי לא תהיה לך אשמת דבר, וזהו אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ 'נֹתֵן' לְךָ שהוא נותן בדרך מתנה שיש לה הפסק, ואתה תעשה בכשרונך שתהיה 'נחלה' לרשתה, אז יקל הדבר לפקוד על השר תחלה במרום שהוא 'על' השמים, שהוא על הנוגע אל ה' יתברך, ואז לא ישאר לך לעשות רק שתמחה את זכר עמלק 'מתחת' השמים, שהוא** [הנוגע] **אל מלך האדמה באדמה, שהוא זכרו שתחת השמים, כי מה שהוא במרום שמעל לשמים כבר יהיה עשוי על יָדִי. ובזה אינו חולק על אשר אמר למעלה** (בשלח יז, טו) **כִּי מָחֹה אֶמְחֶה כו' מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם, שמורה שהוא יתברך העושה, כי הוא שאומר הוא יתברך בשמים על ידי אֶמְחֶה את הזכר על ידיכם מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם.** [ועיין עוד שם].

**ועוד שם** (בסוף בשלח): **ויאמר ה' אל משה כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ כִּי מָחֹה אֶמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם. הוא כי הלא יתחמץ לבב אנוש וכו' באמור האם כל כך רע בעיני ה' עמלק, למה אינו מחריבו כמו רגע. ועל כל ההכנות לא הספיק רק להחלישו. על כן כְּתֹב זֹאת וכו' וְשִׂים בעצם בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ, בל יתמה איך כל הכנות משה ואהרן וחור, וגם היות על ידי מי שלא ימיש מתוך האהל, ומזרע יוסף שטנו של עשו, עם כל זה לא כלה אותו, כי אם וַיַּחֲלֹשׁ בלבד. והוא, כי הלא כל שרי עם ועם קל לפניו יתברך להפילם כמו רגע, ומיד נופלים אומותם. אך שר עמלק אין מפלתו כי אם ביד ישראל, כי איככה יפיל הוא יתברך את שרו הצריך ליפול תחלה, אם הוא שטן, הוא ס"מ הוא יצר הרע, ובכל חטא ועון אשר נחטא, אנו מחזיקים ומאשרים אותו כנודע, באופן שאי אפשר להפילו ארצה, אם לא על ידי שזכינו מכל עונותינו בכל מכל כל, כי אז יכנע וימחה מן העולם. ואחר שנפילהו מלמעלה, הוא יתברך יפילהו מלמטה. וזהו אומרו כי מחה אתם את השר 'על' השמים, ואחרי כן אמחה את זכר עמלק 'מתחת' השמים, הפך יתר אומות שהוא יתברך מפיל השר משמים, שהוא צבא המרום במרום, ואחר כך ויאמר לנו השמד מתחת השמים את העם, אך בזה נהפוך הוא כמדובר. והוא כי מלחמת השר הזה היא מלחמת היצר הרע, והיא מוטלת על האדם. ושל העם, היא לה' איש מלחמה. ועל כן צריך זכירה זו בלבב כל איש ישראל, למען ידעו כי בדבר הזה תלויה גאולתם וטובתם לעולם. ועל כן במשנה תורה** (סוף כי תצא) **הוא אומר 'תִּמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם, כי הלא לכאורה יראה כסותר מאמרו פה וכו', אמנם הנה פה יאמר כִּי מָחֹה אתם את השר על ידי תשובתכם, ואחר כך 'אֶמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, שאהיה עמכם למחותו למטה. אך אחר כך אומר בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב, שבאומרו 'מסביב' יכוין אל האויבים המסבבים את האדם, הם אשמותיו, כוחות טומאותיו אשר עשה. אמר, בהניח ה' אותך מהם, כאשר היה בדורו של שאול, אז לא תצטרך למחות רק מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם בלבד, כי יהיה כבר מחוי מלמעלה, ואתה מאליך תמחה אותו, כי אהיה עמך ואמחנו אתך.**

ער טייטשט וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים, איבערדעם האָט נישט געקאָנט זיין אינגאַנצן מְחִיַּת עֲמָלֵק, נאָר ווייל מ׳איז נאָכנישט פאַרטיג געווען מיט יִרְאַת אֱלֹקִים. ״וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים״ גייט אַרויף אויף אידן, טייטשט דער **אלשיך**.

[וזהו שנאמר] **וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ**, מיינט ער די אוֹיְבִים הַפְּנִימִיִּים, די כּוֹחוֹת הַיֵּצֶר הָרַע, ׳מִסָּבִיב׳, [שהם מְסַבְּבִים את האדם].

[און] דעמאָלטס וועט זיין [בָּאָרֶץ] **אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ ״נַחֲלָה״**, נישט די בחינת מתנה, [נאָר בחינת] ירושה, [וואָס] נַחֲלָה אין לה הפסק (ראש השנה יב:).

[און] דעמאָלטס וועט זיין **תִּמְחֶה זֵכֶר עֲמָלֵק**. דאָס איז דאָך הָא בְּהָא תַּלְיָא.

**פ**

[והאלשיך] ער גיט דאָך צו פאַרשטיין מיט דעם פּאַרוואָס טאַקע דער בורא כל עולמים האָט געהייסן [פאַר אידן, והלא] דער בורא כל עולמים [אַליין] קען דאָך מוֹחֶה זיין און מְאַבֵּד זיין אין איין רֶגַע, אַז ער איז אַזאַ שָׂנוּא [בעיניו ית״ש].

נאָר מ׳קאָן דאָך נישט מְאַבֵּד זיין אַן אומה ביז מ׳איז נישט מְאַבֵּד דעם שַׂר[סא], [כמו שנאמר] **וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִפְקֹד ה׳ עַל צְבָא הַמָּרוֹם בַּמָּרוֹם** [וְעַל מַלְכֵי הָאֲדָמָה עַל הָאֲדָמָה]. און דער שַׂר פון עֲמָלֵק׳ן איז דער ס״מ, דאָס איז דער יצר הרע. און ער האָט כֹּחַ פון אידישע עֲוֹנוֹת, און ביז ס׳ווערט נישט פאַרראָכטן אידישע עֲוֹנוֹת, קען מען נישט מְאַבֵּד זיין דעם שַׂר. ממילא איבערדעם קאָן נישט זיין קיין מְחִיַּת עֲמָלֵק בִּשְׁלֵמוּת.

**פא**

איבערדעם אין די אַלע יאָרן איז עס געווען [נאָר] **וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ** (בשלח יז, יג), **שטייט**[סב] ער האָט אים נאָר שוואַך געמאַכט, ״וַיַּחֲלֹשׁ״ יְהוֹשֻׁעַ.

[עד כאן תוכן דברי האלשיך הק׳].

**פב**

ובזה יובן ענין הנאמר וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק, והקשו חכז״ל וכי ידיו של משה עושות מלחמה. ותירצו כי זה תלוי באם שישראל משעבדים את לבם לאביהם שבשמים

איבערדעם איז געווען וכי ידיו של משה [עושות מלחמה, שנאמר] (בשלח יז, יא) **וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים** [מֹשֶׁה] **יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק**, איז ידוע די גמרא׳ס קשיא[סג]. [ותירצו, אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים. וְאִם לַאו, הָיוּ נוֹפְלִין].

**פג**

והיינו שאין זה תלוי בסתם הרמת יד, אלא בתשובה ומעשים טובים של בני ישראל. והרמת ידו של משה היה בהשגחה עליונה, לפי המעשים של בני ישראל, אשר לפעמים מחמת המעשים של הדור ח״ו אין כח ביד הצדיק לבטל הגזירה והקטרוג

ווייל אין פַּשְׁטוּת לעולם אַז ס׳איז געווען וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק, איז דאָך אַ

---

[סא] כמבואר במדרש שמואל (פרשה יח): אמר ר׳ חנינא, לעולם אין הקב״ה נפרע מאומה תחלה, עד שיפרע מִשָּׂרָם שלמעלה. הה״ד (ישעי׳ כד, כא) וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִפְקֹד ה׳ עַל צְבָא הַמָּרוֹם בַּמָּרוֹם, ואחר כך וְעַל מַלְכֵי הָאֲדָמָה בָּאֲדָמָה (שם). ○ ובמכילתא בשלח (שירה, פ״ב): וכן אתה מוצא שאין הקב״ה עתיד להפרע מן המלכיות לעתיד לבא עד שיפרע משריהן תחלה, שנא׳ (ישעי׳ כד, כא) וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִפְקֹד ה׳ עַל צְבָא הַמָּרוֹם וגו׳. ואומר (ישעי׳ יד, יג) אֵיךְ נָפַלְתָּ מִשָּׁמַיִם הֵילֵל בֶּן שָׁחַר, ואחר כך נִגְדַּעְתָּ לָאָרֶץ חוֹלֵשׁ עַל גּוֹיִם (שם). ואומר (שם לד, ה) כִּי רִוְּתָה בַשָּׁמַיִם חַרְבִּי, ואחר כך הִנֵּה עַל אֱדוֹם תֵּרֵד (שם).

[סב] בפסיקתא (פרשה יב). והובא להלן בהערה סז.

[סג] במשנה ראש השנה (כט.): וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וגו׳. וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה. אֶלָּא לוֹמַר לְךָ, כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים. וְאִם לַאו, הָיוּ נוֹפְלִין.

גרויסע קשיא, פאַרוואָס האָט טאַקע משה רבינו אַראָפּגעלאָזט די האַנט, אַז ס׳איז געווען כאשר יניח ידו איז חס ושלום [געווען וגבר וגו׳], האָט משה רבינו דען דאָס נישט געוואוסט, וויאַזוי קען דאָס זיין.

פד

[נאָר] וואָס׳זשע דען, אַלדינגס איז דאָך בְּהַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה, און משה רבינו וואָס ער האָט געטון, איז אויך געווען בְּהַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה, און ווען ס׳איז געווען אַ מְצִיאוּת אַז ס׳זאָל זיין גָבַר יִשְׂרָאֵל, האָט ער געקאָנט זיין יָרִים יָדוֹ, אָבער ווען ס׳האָט זיך אָבער נישט געלאָזט [מן השמים], האָט ער נישט געקענט זיין יָרִים יָדוֹ, ווייל ס׳איז נישט באַשערט געווען, ווייל ס׳איז געווען לֹא אִסְתַּיְּעָא מִילְתָא, ווען ס׳האָט נישט געקאָנט זיין.

פה

[וזה שתירצו, אלא כל זמן שישראל משעבדים ישראל לבם היו נוצחין, ואם לאו היו נופלין. ווייל] טאָמער האָט מען נישט מְשַׁעְבֵּד געווען יִשְׂרָאֵל אֶת לִבָּם כְּלַפֵּי מַעְלָה, מְשַׁעְבְּדִין יִשְׂרָאֵל אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, ווי די גמרא זאָגט, ממילא איז געווען וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ, מ׳קען נישט אַלעמאָל. [וכשהניח ידו] מסתמא האָט ער נישט געקענט [להרים, כי בוודאי] נישט בְּחִנָּם איז געווען יָנִיחַ יָדוֹ, מסתמא איז עס אַזוי געווען מן השמים, אַז מ׳קען נישט, אַז מ׳הייסט נישט מן השמים.

אַמאָל איז פאַרהאַנדן אַזוי.

פו

[אַזוי ווי] ס׳איז געווען אַנדערע ענינים וואָס מ׳האָט נישט געקענט מבטל זיין, למשל [ביי] די מרגלים. ער האָט דאָך געזען דאָס גלות מיטן חורבן[סד], מ׳האָט דאָך אים געוויזן אַלעס - דור ודור ודורשיו[סה] - ביז ביאת המשיח, ווי ס׳שטייט אַרויס אין מדרש. ער האָט אַלעס געזען, פונדעסטוועגן איז דאָ [זאַכן] וואָס ס׳איז נישט קיין מציאות, מ׳האָט נישט געקענט אַלעס [מבטל זיין]. די אַלע זאַכן, [די] גְּזֵרוֹת, [וואָס] מ׳האָט נישט געקענט מְבַטֵּל זיין אַז ס׳איז אַזוי גּוֹרֵם דער עֲוֹן הַדּוֹר, אַז דאָס הִשְׁתַּלְשְׁלוּת גייט אַזוי.

פז

אַזוי איז געווען אַז כַּאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ, אַז ס׳איז נישט מעגליך געווען. [אָבער] ס׳איז נישט בחנם געווען יָנִיחַ יָדוֹ. משה רבינו האָט [דאָך] אַזויפיל מסירת נפש געהאַט פאַרן כלל ישראל, [און] מסתמא אַז ס׳איז געווען יָנִיחַ יָדוֹ האָט ער נישט געקענט אַנדערש

---

[סד] בספרי פרשת ברכה (פסקא טז) בפסוק (לד, א) וַיַּעַל מֹשֶׁה מֵעַרְבֹת מוֹאָב וגו׳: מלמד שהראהו ארץ ישראל מיושבת על שַׁלְוָתָהּ, וחזר והראהו המציקים לה. וְאֶת הַגִּלְעָד, מלמד שהראהו בית המקדש מיושב על שַׁלְוָתוֹ, וחזר והראהו המחריבים לו וכו׳. דבר אחר עַד הַיָּם הָאַחֲרוֹן (שם, ב), עד היום האחרון. מלמד שהראהו את כל העולם כולו מיום שנברא עד יום שיחיו המתים. [ועיי״ש עוד באורך].

[סה] בויקרא רבה (אמור כו, ז): אמר רבי יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי, מלמד שהראהו הקב״ה למשה דור דור ושופטיו, דור דור וּמְלָכָיו, דור דור וחכמיו, דור דור ומנהיגיו, דור דור ומשניו, דור דור ושוטריו, דור דור ופרנסיו, דור דור וחומסיו, דור דור וגזלניו, דור דור ונביאיו.

ובבמדבר רבה (מסעי כג, ה): מלמד שהראה הקב״ה למשה כל מה שהיה ועתיד להיות, הראה לו מדן עומד שמשון, וברק בן אבינועם מנפתלי, וכן כל דור ודור ודורשיו, דור דור ושופטיו, דור דור ומנהיגיו, דור דור ופושעיו, דור דור וצדיקיו וכו׳.

KolSatmar.com

טון. איבערדעם ממילא איז דאָך דאָס אַלדינגס אַזוי געווען מן השמים, אַז ווען ס׳איז געווען יָנִיחַ יָדוֹ איז נִכְשָׁלִים.

**פח**

דער מְחִיַּת עֲמָלֵק, דאָס שטייט דאָך איבעראַל, הן אין **אלשיך הקדוש**, און פריער נאָך[סו], ס׳זעט אַזוי אויס אין די לשונות פון **חכמינו ז״ל**, אַז דאָס איז אַלעס תלוי מיט **תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה**, דאָס ענין [פון] מְחִיַּת עֲמָלֵק.

וואָרן דאָס איז דער **שָׂרוֹ של עמלק**, דאָס איז אַלעס הא בהא תליא. [ועל זה נאמר] **וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל ׳אֹיְבֶיךָ׳** [הפנימיים שהם] **׳מִסָּבִיב׳** [להאדם].

**פט**

[קושיא ז]

## קושיא בדברי הספרי בפרשת זכור

איתא בספרי: וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב, שלא יאגוד עליך אגודה

ס׳איז אַ פֶּלֶא דאָס לשון אין **ספרי** (סוף פרשת תצא), [דעל הפסוק] **וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב**, זאָגט דער ספרי, **בְּהָנִיחַ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב, שלא יעשה עליך אגודה**. לכאורה האָט דאָך דאָס נישט קיין שום פֵּרוּשׁ נישט.

**צ**

ולפי פשוטו היה אפשר לומר דהכוונה שלא יתאחד עם שאר אומות נגד ישראל, אבל לפי זה עדיין קשה דהלא מחייתו יהיה ע״י הקב״ה, וזה יתקיים רק לעתיד, ואם כן מה נפקא מינה אם מתאחד עם שאר האומות או לא, והלא לעתיד יתקיים כי אעשה כלה ׳בכל הגוים׳

מ׳קען אפשר זאָגן, ער מיינט אפשר ער זאָל נישט צוזאַמנעמען זיך מיט אַלע אומות, שלא יאגוד אגודה מיט אַלע אומות.

**צא**

[אמנם עדיין קשה] נו וואָס׳זשע דען, און אַז ער וועט זיך יאָ צוזאַמנעמען מיט אומוֹת וועט מען אים דען נישט מוֹחֶה זיין, ווען די צייט וועט זיין.

[והלא] ווען ס׳וועט זיין דער רָצוֹן הָעֶלְיוֹן [און] מ׳וועט זוכה זיין צו מְחִיַּת עֲמָלֵק, וועלן דאָך ממילא אַלע אומות האָבן אַ נְפִילָה, אַלעס וועט דאָך זיין וְהָאֱלִילִים כָּרוֹת יִכָּרֵתוּן, חוץ נאָר די וואָס זיי וועלן זיך מְדַבֵּק זיין אין זֶרַע יִשְׂרָאֵל.

**צב**

און ווידעראום ווען ס׳איז נישט די צייט, דערפריערער, קאָן מען ׳אים׳ [אַליין] אויך נישט אינגאַנצן מוחה זיין.

[ואפילו] ביי יהושע׳ן שטייט נאָר ׳וַיַּחֲלֹשׁ׳ יְהוֹשֻׁעַ (כדלעיל באות פא), ער האָט אים שוואַך געמאַכט, אָבער נישט מוֹחֶה געווען אינגאַנצן, [ווייל] ס׳איז נישט געווען די צייט.

אַזוי ווי דער **מדרש** זאָגט דאָרטן[סז] אַז ס׳איז נאָכנישט [געווען] די צייט שוין אינגאַנצן [למחותו], מ׳האָט נאָר געגאַנגען ׳לוֹחֵם׳ זיין מיט אים, מ׳זאָל אים שוואַך

---

[סו] עיין לעיל בהערה נט.

[סז] **בפסיקתא** (פרשה יב): וַיַּחֲלֹשׁ וגו׳. וישרש יהושע אינו אומר כן, אלא וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק, כזה שחולש ומשתייר. ○ ועוד שם: אמר רבי יצחק, אנו מוצאים שביקש יהושע למחות את זכר עמלק, שנאמר וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב, אמר הקב״ה חייך עד עכשיו שאול המלך עתיד לעמוד מבנימין ולשרש ביצתו של עמלק וכו׳.

מאַכן, נאָר 'וַיַּחֲלֹשׁ' יְהוֹשֻׁעַ, די מלחמה איז געווען נאָר אויף שוואַך צו מאַכן, נישט אויף מְנַצֵּחַ צו זיין אינגאַנצן. ווי ס'שטייט דאך[סז] ער האָט איבערגעלאָזט און מ'האָט אים נישט מוֹחֶה געווען, ס'איז נישט געווען אינגאַנצן, [דעדיין המלחמה קיימת, וכדכתיב] מִדֹּר דֹּר (בשלח יז, טז), [ודרשו[סח] דהמלחמה היא] ביז דורו של משיח.

ממילא אַז ס'איז נישט די צייט קען מען נישט [אפילו כשאינו אוגד שאר אומות].

**צג**

און ווען ס'איז יאָ די צייט, און דער מלך המשיח וועט בייקומען [כל האומות, כדכתיב][סט] **וּמָשְׁלוֹ מִיָּם עַד יָם**, שטייט[ע] [אַז] ער וועט מוֹשֵׁל זיין אויף די גאַנצע וועלט, ער וועט 'אַלע' בייקומען, ווען ס'וועט זיין ביאת המשיח.

[און] 'דערפריער' קען מען ממילא נישט אינגאַנצן.

[ואם כן צריך ביאור דברי הספרי] ווער איז דער **שלא יאגוד עליך אגודה**, ער זאָל נישט צוזאַמנעמען זיך קיין אגודה. לכאורה האָט עס קיין שום ביאור נישט, עַל פִּי פַּשְׁטוּת פאַרשטייט מען גאָרנישט דאָ דעם לשון פון **ספרי**. (התירוץ על זה, באות קלג)

**צד**

עוד הקדמה לישוב כל הקושיות בפרשת זכור

**דרך הסתת היצר הרע ועמלק, לבוא ע״י צביעות ומרמה, וסמיות עינים**

נאָר אָבער דאָס ענין דערפון.

[דהנה ענין מלחמת עמלק] ס'איז דאָך אַלעס דער ס״מ, [און] לויט ווי ס'גייט [דרך הסתתו, אז] ס'ווערט פאַרשטעלט [די אויגן], דאָס איז דער ראש וראשון [הגורם להחטיא], דאָס ערשטע איז דאָך סמיות עינים.

דער כח פונעם ס״מ אין אַלעמען, איז סמיות עינים, סמיות עינים וואָס מ'פאַרשטעלט די אויגן, מ'ווייסט אַליין נישט וואו מ'האַלט, מ'פאָפט זיך.

**צה**

אַזוי שטייט דאָך, [ווי] דער **נועם אלימלך**[עא] זאָגט אַ כְּלַל, זאָגט ער [אַז] **יעדעס רִשְׁעוּת** הייבט זיך אָן [דורכדעם] וואָס מ'מיינט אַז מ'טוט **לְשֵׁם מִצְוָה**. אַזוי זאָגט ער איז אַ כְּלַל.

---

[סח] **בתנחומא תצא** (סימן יא): מִדֹּר דֹּר. אמר הקב״ה מִדֹּר דֹּר, אֲנָא בַּתְרֵיהּ לְדָרֵי דָּרִין וכו'. רבי אליעזר אומר מדורו של משה עד דורו של שמואל, ורבי יהושע אומר מדורו של שמואל עד דורו של מרדכי ואסתר, ורבי יוסי אמר מדורו של מרדכי ואסתר עד מלך המשיח.

[סט] **בזכרי' ט'** (ט-י): גִּילִי מְאֹד בַּת צִיּוֹן הָרִיעִי בַּת יְרוּשָׁלַיִם, הִנֵּה מַלְכֵּךְ יָבוֹא לָךְ צַדִּיק וְנוֹשָׁע הוּא עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר וכו'. וְהִכְרַתִּי ... וְנִכְרְתָה קֶשֶׁת מִלְחָמָה וְדִבֶּר שָׁלוֹם לַגּוֹיִם וּמָשְׁלוֹ מִיָּם עַד יָם וּמִנָּהָר עַד אַפְסֵי אָרֶץ. ופירש״י: וּמָשְׁלוֹ. וממשל שלו. מִיָּם וְעַד יָם. מימא ועד מערבא, לסוף העולם. וּמִנָּהָר. פרת.

[ע] **בפרקי דרבי אליעזר** (סוף פרק יא): **זה מלך המשיח שהוא עתיד למשול מסוף העולם ועד סופו**, שנאמר (תהלים עב, ח) וְיֵרְדְּ מִיָּם עַד יָם.

ועיין **בתנחומא** פרשת שופטים (סימן יט): וְקָרָאתָ אֵלֶיהָ לְשָׁלוֹם (דברים כ, י), **מדבר במלך המשיח**, שפותח להם לשלום וְדִבֶּר שָׁלוֹם לַגּוֹיִם וּמָשְׁלוֹ מִיָּם עַד יָם וכו' [עיי״ש באורך].

[עא] **בנועם אלימלך** (ריש פרשת תולדות): **או יאמר גם כן על דרך הרמז, דהנה אנו רואים מעשה בני אדם, דהיינו הרשעים העושים רע, תחילת הסתת היצר הרע בהם הוא שאומר להם שזה הוא מצוה לעשות, ובאמת היא עבירה גדולה וכו'. וזהו** וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק **דהיינו הדין הבא על ידי עבירות, הסיבה של עבירה הוא מחמת** בֶּן אַבְרָהָם **רמז למצוה, דהיינו שהיצר הרע אומר לו שהוא מצוה וכו'.**

אונ די זעלבע שטייט נאָך פריער[עב], און אפילו אין דברי חכמינו ז״ל איז עס שוין מבואר[עג].

**צו**

בכלי יקר מבאר על דרך זה סמיכות פרשת זכור, לפרשת משקלות. על פי מה שמבאר שם דאזהרת המשקלות לא מיירי בסתם גניבה, אלא ברמאין העושין כן בדרך מרמה, ולכן גם המשקל הצדק הוא בכלל תועבת ה׳, כי רק על ידי משקל הצדק יכול לכסות מה שמשתמש במשקל המשוקר. ולזה מסמיך הכתב ענין עמלק, שבא גם כן מתחילה במטמוניות ובסתר

**ווי ער דער כלי יקר טייטשט[עד] - אַ חידוש - דאָ גאָר.**

[דהנה] ס׳שטייט די **גמרא זאָגט**[עה] [לדרוש] **סמיכות פון דעם עמלק** [לפרשה הקודם לזה בענין משקלות, און] **ס׳איז אויך דאָ אין מדרש.**

**דער מדרש זאָגט**[עו], ס׳שטייט דאָך [קודם לפרשת זכור] (תצא כה, יד) **לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּבֵיתְךָ אֵיפָה וְאֵיפָה וגו׳, אֶבֶן שְׁלֵמָה וָצֶדֶק** [יִהְיֶה לָּךְ] **וגו׳, וסמיך ליה זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק,** [ללמדך] **אם שִׁקַּרְתָּ במדות ומשקולות דעמאָלטס איז** [מתגבר עמלק]**, אַז** [ס׳איז] **מֹאזְנֵי מִרְמָה** [תּוֹעֲבַת ה׳] (משלי יא, א) **איז בָּא זָדוֹן וַיָּבֹא קָלוֹן** (שם, ב), [איבערדעם] **סמיך ליה וַיָּבֹא עֲמָלֵק, דורך מדות ומשקולות.**

[וקשה] **לכאורה וואָס פאַר אַ שייכות האָט מדות ומשקולות מיט ביאת עמלק.**

**צז**

**נאָר ער דער כלי יקר טייטשט** [בביאור הפסוק דמשקלות], **לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּבֵיתְךָ אֵיפָה וְאֵיפָה גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה, כִּי תוֹעֲבַת ה׳ אֱלֹקֶיךָ כָּל עֹשֵׂה אֵלֶּה כֹּל עֹשֵׂה עָוֶל.**

**זאָגט ער**[עז], **לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּבֵיתְךָ אֵיפָה וְאֵיפָה** [גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה, וואָס איז דער] **אֵיפָה וְאֵיפָה** [גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה], **אויף דעם זאָגט ער,** [דהוא על דרך הנאמר] (משלי שם) **מֹאזְנֵי מִרְמָה,** [וכן נאמר עוד] (שם כ, י) **אֵיפָה וְאֵיפָה תּוֹעֲבַת ה׳ גַּם שְׁנֵיהֶם.**

---

[עב] עיין זה **בחובת הלבבות** (בסוף ההקדמה, ובשער יחוד המעשה פרק ה), **ורבינו בחיי בראשית** (ג, ו), **יערות דבש** (ח״א, דרוש ה ד״ה והבן זה), **מסילת ישרים** (פרק ג). ועיין להלן (באות קא) בשם הבעל שם טוב הק׳. וכן הוא **באגרא דכלה** (קרח ובלק), ועוד בכמה ספרים.

[עג] לכאורה הכוונה להגמרא סוטה (כא:) בענין כת הצבועים, ועיי״ש בתוספות בשם ירושלמי. וילע״ע.

[עד] **בכלי יקר** (תצא כה, יג). והועתק דבריו להלן.

[עה] דאיתא בגמרא קידושין (לג:) ואימא מורא משקלות. ועל זה ביארו התוספות שם: פירש בקונטרס, גבי משקלות כתיב אֶבֶן שְׁלֵמָה וָצֶדֶק יִהְיֶה לָּךְ. וקשה, דלא מצינו בשום מקום דכתיב בהו מורא בהדיא וכו׳. ור׳ יצחק מפרש דמצינו מורא במשקלות, כדאמרינן במדרש, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים, היינו בשביל המשקלות, ועל עון זה בא עמלק, דבתר פרשת משקלות כתיב זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בפרשת כי תצא, והיינו דכתיב במשלי (יא, א) מֹאזְנֵי מִרְמָה תּוֹעֲבַת ה׳ וְאֶבֶן שְׁלֵמָה רְצוֹנוֹ, וסמוך ליה (שם, ב) בָּא זָדוֹן וַיָּבֹא קָלוֹן, כלומר שעל עון זה בא זדון וקלון של עמלק.

[עו] **בפסיקתא דרב כהנא** (ג, ד), **ותנחומא תצא** (סימן ח): זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם. רבי בנאה פתח, מֹאזְנֵי מִרְמָה תּוֹעֲבַת ה׳ (משלי יא, א), אם ראית דור שמדותיו שקר, דע שהמלכות באה ומתגרה באותו הדור, מה טעם, מאזני מרמה תועבת ה׳, וכתיב אחריו בא זדון ויבא קלון ואת צנועים חכמה. רבי ברכיה בשם רבי אבא בר כהנא אמר, הַאֶזְכֶּה בְּמֹאזְנֵי רֶשַׁע וּבְכִיס אַבְנֵי מִרְמָה (מיכה ו, יא), אפשר דור שמדותיו שקר שהוא זכאי, ובכיס אבני מרמה. אמר רבי לוי, אף משה רמזה להם בתורה, שנאמר לא יהיה לך בכיסך אבן גדולה וקטנה וגו׳, אם עשית כן דע שהמלכות באה ומתגרה באותו הדור, מה טעם, כי תועבת ה׳ כל עושה אלה. מה כתיב אחריו, זכור את אשר עשה לך עמלק.

[עז] וז״ל הכלי יקר בקושייתו: לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּכִיסְךָ אֶבֶן וָאָבֶן, גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה. יש לדקדק, אם הפירוש ׳גדולה׳ יותר מן הראוי ׳והקטנה׳ יותר מן הראוי, ושניהם שקר, ושוקל לעצמו בגדולה ולאחרים בקטנה, אם כן קשה מהו שאמר (שם, טו) אֶבֶן שְׁלֵמָה וָצֶדֶק יִהְיֶה לָּךְ, כי תואר ׳השלימה׳ קאי ודאי על הקטנה יותר מהראוי, שצריך

KolSatmar.com

פרעגט ער וואָס איז דער אֵיפָה וְאֵיפָה [גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה], זאָגט ער פְּשַׁט [דהכוונה] מ׳זאָל נישט האָבן קיין צוויי ערליי, אַ גוטע און אַ שלעכטע.

זאָגט ער, נו וואָס דאַרף ער מזהיר זיין אויף די גוטע, [וסגי שיאמר] לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּבֵיתְךָ ׳אֵיפָה׳, [נאָר] מֹאזְנֵי צֶדֶק וְאַבְנֵי צֶדֶק [יִהְיֶה לָּךְ], מ׳זאָל נישט האָבן קיין שלעכטע אֵיפָה. זאָגט ער ממה נפשך, זענען זיי ביידע שלעכט? נו וואָס דאַרף מען אָנזאָגן מ׳זאָל נישט האָבן קיין צוויי שלעכטע, וואָס איז אַ חילוק, אַז מ׳טאָר נישט האָבן איין אַ שלעכטע איז צוויי אַוודאי נישט. און ווידער אַז ס׳איז איינע אַ גוטע, אַזוי ווי אין פַּשְׁטוּת [הוא מפרש שם] אַז מזאָל נישט האָבן קיין צוויי ערליי אַ גוטע און אַ שלעכטע, נו וואָס איז ער מַזְהִיר אויף דער גוטע, די גוטע איז דאָך נישט קיין פעלער, די גוטע איז דאָך גוט, פאַרוואָס זאָגט ער עפּעס ער איז מזהיר אויף צוויי ערליי.

און וואָס איז דער תּוֹעֲבַת [ה׳ אֱלֹקֶיךָ] כָּל עֹשֵׂה אֵלֶּה כֹּל עֹשֵׂה עָוֶל.

**צח**

איז דער **כלי יקר** מסביר[עח], אַז דאָס איז דער דרך [הרמאים].

אַז איינער האָט נאָר בלויז אַ שלעכטע אֵיפָה, מילא קען עס נישט אויסהאַלטן[עט], וואָרן יעדער ווייסט דאָך אַז דאָרט איז נישט גוט, וועט מען זיך מַרְחִיק זיין, וועט קיינער נישט קומען צו אים, קיינער וועט נישט קומען צו אים קויפן, האָט ער גאָרנישט אויפגעטון.

[ולכן] מוז ער האָבן אַ ׳גוטע׳ אויכעט, ממילא אַז ס׳איז דאָ גוטע אויכעט, קאָן ער דאָך מְבַרֵר זיין און זאָגן פאַר מענטשן [שמשקלו טוב, שהרי] פאַר אַסאַך מענטשן האָט ער געגעבן גוט, קען ער טַעֲנֶה׳ן אַז דער חִסָּרוֹן איז נאָר דאָרטן געוואָרן [אצל זה הקונה],

---

להשלים חסרונה שתהיה שלימה ובלתי חסרה, ולמה לא אמר דבר המתנגד אל הגדולה. ובעל כרחך אתה צריך לומר שתיבת ׳וצדק׳ אמר כנגד הגדולה השקרית, וקשה הרי הצדק הוא היפך שניהם, ׳ושלימה׳ למה לי. אלא ודאי כך פירושו, ׳שגדולה׳ היא המשוערת כראוי, ׳וקטנה׳ היא החסירה מן הראוי, ומה שאמר **אֶבֶן שְׁלֵמָה וָצֶדֶק** קאי הכל על הקטנה, כי לשון ׳צדק׳ דרשו רבותינו ז״ל (ב״ב פח:) **צַדֵּק** משלך ותן לו. על כן אמר דרך לא זו אף זו, **אבן שלימה** ובלתי חסירה יהיה לך, שלא תחסר את חבירך כלום. ולא זו שלא תחסר לו, אלא אפילו **וְצֶדֶק**, **צַדֵּק** משלך ותן לו יותר מהראוי לבא לו. ואם כן הוא שהגדולה היא הישרה, [קשה] למה אמר לא יהיה בכיסך ׳הגדולה׳, למה לא תהיה בכיסו הישרה. ועוד קשה מה שאמר (שם, טז) **כִּי תוֹעֲבַת ה׳ אֱלֹקֶיךָ כָּל עֹשֵׂה אֵלֶּה כֹּל עֹשֵׂה עָוֶל**, תרתי למה לי, ומדקאמר כל עושה עול שמע מינה שכל עושה אלה אינו עול, וצריך להבין מהו זה.

[עח] וז״ל **הכלי יקר** בתירוצו: ביאור הדבר הוא כדרך שאמר שלמה (משלי כ, י) **אֶבֶן וָאֶבֶן אֵיפָה וְאֵיפָה תּוֹעֲבַת ה׳ גַּם שְׁנֵיהֶם**. אם שניהם שקרים מהו גם שניהם, מהיכא תיתי לחלק ביניהם, ומהו לשון גם. אלא ודאי שמדבר באחד שקרי ואחד אמיתי, והורה שגם הישר נקרא תועבה, **לפי שהאבן הישרה גורמת לו לשקול בשקרית**, כי אם לא היה לו האבן הישרה היה מתיירא לשקול לכל העולם בקטנה השקרית, כי כל הקונים בבואם לביתם ימצאו משקלם חסר, ותבא לבית דין עליו צעקת רבים לומר שלכולנו שָׁקַל בקטנה, מאי אית לך למימר שמא בביתכם נעשה חסר, וכי לכולם נחסר בביתם, דבר זה אינו שכיח. מה הוא עושה, הולך ושוקל לקצתם בקטנה החסירה, ולקצתם בגדולה הישרה, והיה אם יבואו לבית דין הבריות אשר להם שָׁקַל חסר, הוא יטעון בבית דין הרי מכרתי להרבה בריות וישאל אותם ששקל בישרה, ויעידו שאינן חסרין כלום, ויכחישו הטוענים ששקל חסר, וממילא יתרץ הדיין לומר שאצלכם נעשה חסר, דאל״כ מה גבר מגוברין (סנהדרין סה:), ולמה אלו אינן חסרין כלום. וכשישלח הבית דין אחר משקלו, ישלח הישרה. ונמצא שאלמלא הישרה לא היה יכול למכור לכולם בקטנה, והרי לכך הוא מחזיק הישרה, כדי לְאַמֵּת שקר שלו, לכך גם הישרה תועבה. ○ וזהו שפירש״י (תצא שם, יג) **גדולה המכחשת את הקטנה**, כי על ידי הגדולה יוכל להכחיש בבית דין מעשה הקטנה. ועל כן אמר **כי תועבת ה׳ כל עושה אלה**, על מה ששקל בישרה, כי גם זה תועבה מאחר שאינו שוקל בישרה כי אם כדי לרמאות העולם. **כל עושה עול**, היינו השקרית, אבל הראשונה אינה ׳עול׳, ואף על פי כן היא ׳תועבה׳. ועל זה אמר שלמה **תועבת ה׳ גם שניהם**, לרבות הישרה.

[עט] פירוש שאין קיום לדבר.

KolSatmar.com

נישט ביי אים [המוכר], אָדער כדומה. מיט ׳דעס׳[פ] איז דער גאַנצער דֶרֶך וואָס ער קאָן אַריינפּאָפּן מיט אַ שלעכטע וואָג, אַז ער האָט אַ ׳גוטע׳ אויכעט.

**צט**

לפי זה קומט אויס, איז דאָך טאַקע דער עוֹשֵׂה עָוֶל די ׳גוטע׳, [ווייל] דורך דער גוטע האָט ער אַריינגעפּאָפּט אין די שלעכטע.

איבערדעם זאָגט ער לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּבֵיתְךָ "אֵיפָה וְאֵיפָה" וגו׳, כִּי תוֹעֲבַת ה׳ אֱלֹקֶיךָ כָּל עֹשֵׂה אֵלֶּה כֹּל עֹשֵׂה עָוֶל, די זענען ביידע אַן עָוֶל, טאַקע די ׳גוטע׳ איז דער עָוֶל, וואָרן די גוטע ברענגט אים [שיוכל להמשיך בהרמאות ומעשה הגזילה]. דעס איז דאָך מרגיל אויף די שלעכטע.

**ק**

איבערדעם איז ער מסמיך עֲמָלֵק׳ן[פא], - דאָס איז אַביסל שווער [להבין הסמיכות (וכדלעיל)], - זאָגט ער [בכלי יקר, דלכן] איז ער מסמיך דאָ עֲמָלֵק׳ן, ווייל עֲמָלֵק שטייט איז געקומען בְּגָלוּי, פריער איז ער געקומען בְּמַטְמוֹנִיּוֹת און היצט איז ער געקומען בְּגָלוּי, שטייט אין מדרש[פב]. זאָגט ער [בכלי יקר] דאָס איז מדה כנגד מדה, אַז ס׳ווערט נתגלה [רמאותו]. - [עד כאן דברי הכלי יקר].

---

[פ] היינו מיט די ׳גוטע׳ איפה.

[פא] הוא מהמשך דברי הכלי יקר וז"ל: ובזה מיושב ׳הסמיכות׳ זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, פירש"י אם שקרת במדות ובמשקולות, הוי דואג מן גירוי האויב, שנאמר (משלי יא, א) מֹאזְנֵי מִרְמָה תּוֹעֲבַת ה׳, וכתיב בתריה (שם, ב) בָּא זָדוֹן וַיָּבֹא קָלוֹן וְאֶת צְנוּעִים חָכְמָה. וקשה מה ענין גירוי האויב למשקולות. ועוד קשה וכי עמלק בא עליהם בעבור ששקרו במשקולות. גם על הראיה קשה למה קראה מאזני ׳מרמה׳, מאזני ׳שקר׳ מבעי ליה למימר וכו׳. ○ אלא ודאי שלאבן הגדולה הישרה קרא מאזני מרמה, שלכך הוא שוקל בה כדי לרמאות כאמור, **והשוקל בה הרי הוא כמסתיר רעתו מן הבריות** ועושה עין של מעלה כאילו אינו רואה. וכך מדתו של הקב"ה, כדרך שנאמר (שם כו, כו) תִּכַּסֶּה שִׂנְאָה בְּמַשָּׁאוֹן תִּגָּלֶה רָעָתוֹ בְקָהָל וכו׳. כך אמר לרמאים אלו, **אתם עושים בסתר עושק וגזל, הקב"ה שולח השונא אשר יקח כל אשר לך בגלוי, ואז למפרע יתגלה קלונך**, כי ידעו הכל למפרע שאתה עשית בסתר עושר ולא במשפט. זה שאמר בא זדון, זה האויב שיבא בזדון ובגלוי, ויבא לאור קלון שלך. ○ וזהו שמסיק בילקוט בשם המכילתא (סוף בשלח), רבי אליעזר אומר וַיָּבֹא עֲמָלֵק שבא בגלוי פנים, **לפי שכל הבאות שבא לא בא אלא במטמוניות אבל ביאה זו בא בגלוי פנים**, עכ"ל. וזה ראיה גדולה לדברינו שכל מה שעשו ישראל במטמוניות בא עמלק בגלוי, כדי להביא לאור קלונם, כי לא עביד הקב"ה דינא בלא דינא, וכששולח את האויב שיקח את אשר לך, ודאי היה זה בעבור שבסתר עשית עושק ונלוז, והעושים כך סוברים כי חכמים המה להרע, כאשר בדורנו חושבים לחכם את כל מי שהוא חריף לרמות, והכתוב אומר (תולדות כז, לה) בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה, ולא בחכמה, ויקח את אשר לך. אמנם מי שהוא מקיים וְהַצְנֵעַ לֶכֶת עִם אֱלֹקֶיךָ (מיכה ו, ח), ואינו עושה שקר לחבירו אפילו בצנעה, הוא הנקרא חכמה, וזהו שאמר ואת צנועים חכמה, והוא הפך המאזני מרמה שהזכיר. ○ ועל דבר זה בא עמלק, שנאמר (בשלח יז, ז-ח) וְעַל נַסֹּתָם אֶת ה׳ לֵאמֹר הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, וַיָּבֹא עֲמָלֵק. ומסיק בילקוט (בשם המכילתא שם) רבי אליעזר אומר אם הוא מספיק לנו כל צרכינו נעבדנו כו׳, מזה אנו למידין שלא היו בטוחים בה׳ שיתן להם כל צרכיהם, ומסתמא היו עסוקים בעניני רמאות שלא היו יכולים להוציא מהם בדין ועשו עין של מעלה כלא רואה, כמ"ש הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן. על כן וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִם, ודרשוהו (מכילתא שם) לשון רפיון ידים, והיינו שרפו ידי דייניהם, כי לא יכלו להוציא בדין מה שחמסו בסתר. וכן כאן נאמר וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים, הן אלקים ממש, כי הדבר המסור ללב נאמר בו וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ, הן אלהים דיינים, כי מי שיש לו אבן גדולה וקטנה אינו נתפס על שקריו בדיינים וכו׳. ○ ובדרך דרש יש לומר, כשם שפרשת זכור את אשר עשה לך עמלק סמוכה לפרשת משקלות, **כך אנו עושים פרשת זכור אחר פרשת שקלים** הבאה לכפרה על עון העגל שנעשה משקלי זהב, ע"י שהיו להוטים אחר הממון ביותר, כמבואר למעלה (בכלי יקר) פרשת כי תשא (ל, יג), וכל הלהוט אחריו משקר גם במשקולות. ובעון זה בא המן על ישראל מזרע עמלק בשקלי כסף, ומרדכי צוה שלא ישלחו ידיהם בבזה, לתקן זה.

[פב] **במכילתא בשלח** (פרשת עמלק, פ"א): **ר׳ אליעזר אומר, וַיָּבֹא עֲמָלֵק** (בשלח יז, ח), **שבא בגלוי פנים. לפי שכל הביאות שבא, לא בא אלא במטמוניות, שנאמר אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וגו׳. אבל ביאה זו לא בא אלא בגילוי פנים, לכך נאמר ויבא עמלק, שבא בגלוי פנים.**

KolSatmar.com

## קא

ויש להוסיף עוד כי ביאתו של עמלק עתה כשבא בגלוי, היה זה בדרך מרמה,
כי רק על ידי מרמה עלה בידו לפתות את ישראל לצאת מהענן, וכמבואר במדרש

**נאָר דער אֱמֶת דאַרף איך דאָך נישט צו זאָגן** [לבקש פְּשָׁטִים על הסמיכות, שהרי] **עמלק אַליין שטייט דאָך איז דאָך אויכעט געקומען מיט ׳מרמה׳.**

[אויף] **אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ זאָגט דער מדרש**[פג] [אשר קראן], **ער האָט דיך גערופן, ער האָט דיר צוגעזאָגט טובות, ער וויל מאַכן פְּרַקְמַטְיָא, אַזוי זאָגט דאָך דער מדרש. און אַזוי האָט ער זיי אַריינגעפּאָפּט** [לצאת חוץ לענן].

[ונמצא] **דער עֲמָלֵק אַליין איז דאָך אויכעט געקומען מיט דעם,** [מיט רמאות].

## קב

וכן הוא תמיד דרכו של היצר הרע שהוא הס״מ, לפתות את האדם בדרך מרמה, לחשוב על עבירה שהיא מצוה, וכמו שמפרש הבעל שם טוב במאמר הגמרא שוחט חייב משום ׳צובע׳, ופירשו התוספות אשוחט ׳דעלמא׳ קאי, דהיינו היצר הרע

**וואָרן דאָס איז דאָך דער דרך פונעם ס״מ** [שהוא היצר הרע].

[ווי] **ס׳איז ידוע** [וואָס] **דער בעל שם טוב הקדוש טייטשט דאָך**[פד] [על דברי התוספות] **שוחט דעלמא,** [דעל דברי הגמרא] **השוחט** [בשבת] **איז מען חייב משום ״צובע״**[פה], [כתבו התוספות] **אשוחט דעלמא קאי,** [ומפרש הבעש״ט שזה רומז על היצר הרע שהוא מלאך המות שוחט דעלמא, שהוא חייב על שצובע עבירות למצוה, ובזה דרכו לרמות בני אדם].

**דער גאַנצער** [דרך היצר הרע], **דעס איז אויכעט מיט צְבִיעוּת.**
**איבערדעם איז מען דאָס מַסְמִיךְ צו עֲמָלֵק׳ן.**

## קג
### התחלת ישוב קושיא ו

כוחות היצר נקראים אֹיְבֶיךָ ״מִסָּבִיב״, שהם באים תמיד בדרך עקלתון ומרמה, ומסבבים את האדם מכל צד שאפשר

**אין דעם וְהָיָה בְּהָנִיחַ איז דאָך אויך, איז אויך דאָס דער פְּשַׁט.**

---

[פג] **בתנחומא תצא** (סי׳ ט): **אֲשֶׁר קָרְךָ** [בַּדֶּרֶךְ]. רבי נחמיה אומר **קראך** ממש, מה עשה עמלק, עמד וירד לארכיון של מצרים ונטל טומוסיהון של שבטים שהיה שמם חקוק עליהם במתכונת הלבנים, ועמד לו חוץ לענן והיה קורא להם ראובן שמעון ולוי פוקו דאנא אחיכון ובעינן למעבד עמכון פרקמטיא, כיון שהיו יוצאין היו הורגין אותן.

[פד] הובא בשמו בספה״ק **בן פורת יוסף** בסופו (בקונטרס אחרון) וז״ל: ושמעתי ממורי פירוש הש״ס (שבת עה. ובתוספות שם) **השוחט דעלמא חייב משום צובע**, וחד אמר משום נטילת נשמה, ופריך משום צובע וכו׳ אלא אף משום נטילת נשמה וכו׳. כי היצר הרע נידון לעתיד (סוכה נב.), וקשה הא לכך נברא, וצריך לומר שעושה עצמו ליצר הטוב וכו׳. ובזה יובן **השוחט דעלמא חייב**, וקשה הא לכך נברא, ומשני משום צובע, שהוא צבוע בדמות יצר הטוב ועל ידי זה נוטל נשמה, ופריך וכו׳, ומשני אף נטילת נשמה, ודברי פי חכם חן.

ובספה״ק **אורח לחיים** (להרה״ק רבי אברהם חיים מזלאטשוב, פרשת לך לך) וז״ל: והנה שמעתי בשם **הבעל שם טוב** ז״ל פירוש הגמרא דשבת דף ע״ה, שוחט משום מאי מחייב, רב אמר משום צובע כו׳. ופירשו **התוספות** (שם ד״ה צובע) **אשוחט דעלמא קאי**. ומה בעי תוספות בזה. אלא דבעי לומר דרך רמז דקאי על מלאך המות, דלעתיד ישחוט אותו השי״ת (סוכה נב. ובבא בתרא טז.), ואמר **משום מאי מחייב**, הלא ברא אותו השי״ת להסית לבני אדם כדי שיהא שכר ועונש, וא״כ עושה רצון קונו ומשום מאי מחייב, וזהו שפירשו התוספות **אשוחט דעלמא קאי**, ר״ל על מלאך המות ששוחט לכל עלמא, משום מאי מחייב, הלא נברא בשביל זה להסית לבני אדם. ואמר רב דחייב **משום צובע**, רצ״ל שצובע עצמו ומסית לבני אדם שיעשה מצות, ומראה להם פנים כאילו עושים מצות, והוא לא נברא אלא להסית לבני אדם שיעברו עבירות, ולא שיצבע את עצמו כמו אוהב נאמן איש טוב ומסית לעשות מצות, ובשביל זה לא נברא, ועל כן חייב, ודברי פי חכם חן.

[פה] **דאיתא בגמרא שבת** (עה.): **שוחט** [בשבת] **משום מאי חייב, רב אמר משום צובע**, ושמואל אמר משום נטילת נשמה, משום צובע אין משום נטילת נשמה לא, אימא **אף משום צובע**.

ועל זה כתבו **בתוספות שם**: **שוחט משום מאי מיחייב**. לאו אשוחט דמתניתין קאי, דההוא פשיטא דלא הוי אלא משום נטילת נשמה, דצובע תנן בהדיא במתניתין, **אלא אשוחט דעלמא קאי**.

**ווי דער אלשיך הקדוש** זאָגט, **בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב** [דקאי על האויבים הפנימיים] (וכדלעיל באות עט).

איבערדעם קאָן זיין [לדרכינו מה שנאמר] ״מִסָּבִיב״, מ׳נעמט אונז אַרום אינאיינעם [שמפתה בדרך עקלתון כמי שבא מסביב, דהיינו מכל הצדדים, צד האמת וצד השקר ווייל] **דאָס איז דרכו של היצר.**

אַזוי איז אייביג געווען, **די אַלע פירצות הדור** האָט מען עס אַריינגעשטעלט מיט **סמיות עינים**, מ׳האָט געדאַרפט האָבן גרויסע כוחות [להכיר את האמת שלא לטעות בזה].

(המשך ענין זה ועיקר הביאור בישוב קושיא ו, להלן באות קלא)

### קד
### המשך ההקדמה לישוב הקושיות

וכן היה דרך הסתת היצר בכל הדורות, שכל המסיתים ומדיחים השתמשו בדרך זה, כאילו הם הולכים על פי התורה, ועי״ז גרמו ״סמיות עינים״ ועלתה בידם לפתות הרבה מישראל אחריהם

אַזוי איז געווען אַלע פריערדיגע דורות, איז מען אויפגעשטאַנען [אויף אידן] און מ׳האָט געטון [הסתה והדחה בדרך צביעות ומרמה].

אַזוי ווי ס׳איז געווען **בימי הש״ס** איז אויך נאָך געווען **די צדוקים וביתוסים,** [און] זיי האָבן געהאַט ראיות חזקות פון די תורה הקדושה [שבכתב, אבל חלקו על קבלת החכמים מסיני בתורה שבעל פה]. און ווען ס׳איז געווען אַמאָל ווען **חכמינו ז״ל** האָבן זיך מתגבר געווען אויף די צדוקים, האָט מען געמאַכט **אַ יום טוב**[פו], אותו היום.

זעט מען דאָך, [דכשזכו] אַז מ׳האָט זיי מברר געווען [את האמת, לאנשי הדור], ווי שווער דאָס איז געווען. [ווייל די מסיתים] זיי האָבן פאַרשמירט די אויגן [מיט דעם וואָס] זיי האָבן געזאָגט אַז ׳דאָס׳ איז די תּוֹרָה. [כי הצדוקים] זיי האָבן זיך אויך מִתְלַבֵּשׁ געווען מיט תּוֹרָה, נאָר מיט תורה שבכתב [בלבד].

און אַזוי איז געווען **אַלעס** איז אַזוי געווען, **מימות עולם,** ווען ס׳איז עפּעס אויפגעשטאַנען [מסיתים ומדיחים] האָט מען זיך מתלבש געווען אין תּוֹרָה מיט אֱמוּנָה. [אפילו] די אַלע עבודה זרה׳ס זענען געווען געבינדן מיט אֱמוּנָה[פז], און ׳אַזוי׳ האָט מען אַריינגעפּאָפּט.

אַזוי איז אייביג געווען, אייביג איז געווען דאָס, דעס התחברות[פח] [טוב ורע]. איבערדעם דעס התחברות טוב ורע דאָס איז אייביג געווען אַזוי, דאָס איז אייביג געווען דאָס גאַנצע [שורש המכשול], דאָס איז דער שורש [פון] דער כח פונעם ס״מ דער שרו של עשו, דער כח פונעם ס״מ איז אַלץ פון דעם התחברות טוב ורע, אַז מ׳מישט דאָס אויס, מיט דעס **התערבות** וואָס מ׳מישט אַריין.

איבערדעם איז דאָס אייביג געווען.

---

[פו] עיין במגילת תענית (פרק ד, ועוד).

[פז] כמבואר ברמב״ם ריש הל׳ עבודה זרה, וברמב״ן יתרו בפסוק לא יהיה לך, שהם לא כפרו בה׳, אלא טעו לומר שאין כבודו להשגיח בתחתונים, ומסר הנהגת התחתונים לשרי מעלה וצבא השמים.

[פח] פירוש: התערבות.

KolSatmar.com

קה

# ישוב הקושיות בפרשת זכור

הקדמה לישוב קושיא א, וקושיא ג

## שאין להשתמש באותן 'הלשונות' שהרשעים משתמשים בו

מבואר בהקדמת הזוהר, דבשעת הבריאה באו כל האותיות לפני הקב"ה בדרך תשר"ק, וביקש כל אות שיברא העולם בו, ולכולם השיב טעם על שאין אות זה ראוי לזה, עד שנברא העולם באות בית

**ס'שטייט אין זוהר הקדוש אין דער הקדמה**[פט]**, ברענגט ער אַז די אַלע אותיות זענען געקומען** [לפני הקב"ה בסדר תשר"ק, אז] **מ'זאָל באַשאַפן די וועלט** [מיט זיי].

**זאָגט ער אויף יעדן אות, דעם טעם פאַרוואָס מ'האָט נישט געוואָלט** [לברוא העולם באות ההוא]**, ביז מ'איז געקומען צו דער** [אות] **בי"ת** [שבו נברא העולם, כמו שמתחיל התורה באות ב', ב'ראשית ברא אלקים].

קו

וכשבא אות ש' טען לפני הקב"ה שהוא האות של "אמת". והשיב לו הקב"ה דאף שאתה אות האמת, אבל יען שמדת השקר הנרמז באותיות ק' ר', משתמש גם עם אות ש' לצרפו לאותיות ק"ר ונעשה תיבת "שקר", והרמז בזה דכל שקר שאין אומרים בו קצת אמת בתחלתו אינו מתקיים בסופו, לכן אין אתה ראוי לברוא בך העולם, כיון שגם השקר משתמש באות זה

**איז געווען די טענה** [ווען] **מ'איז געקומען צו דעם שי"ן, דער שי"ן האָט גע'טַעֲנֶה'ט** [אז] **דער שי"ן איז בלויז אֱמֶת** [כי ש' הוא אתווא דקשוט, און] **ס'איז גאָר דער נאָמען פון הקדוש ברוך הוא, דער שם שי"ן דל"ת יו"ד, ס'איז בלויז אֱמֶת.**

**האָט הקדוש ברוך הוא געענטפערט - אַזוי שטייט דאָרט אין זוהר הקדוש אין די הקדמה - הקדוש ברוך הוא האָט איר געזאָגט דו ביסט טאַקע אֱמֶת, דער שי"ן איז אַמאָל**[צ] **אַן אות אֱמֶת, אָבער ס'איז אין** [דעם וואָרט] **"שקר" ליגט עס** [דער אות ש'] **אין די קו"ף רי"ש.**

קז

[והביאור בזה] **ווייל אַנדערש קאָנען זיי נישט דורכפירן קיין שקר סיידן אַז זיי נעמען קודם אַן אות אֱמֶת, אַזוי ווי ס'שטייט**[צא] **כל שקר שאין בו אֱמֶת מתחלתו, אינו מתקיים.**

**איבערדעם אַ שקר ווערט נאָר צוזאַמגעשטעלט** [ווייל] **ס'איז קודם דער אות שי"ן, ווייל קודם שטעלט מען אַן אות אֱמֶת.**

---

[פט] **בזוהר הק'** (ח"א דף ב:)**:** כַּד בָּעָא לְמִבְרֵי עָלְמָא, אָתוּ כָּל אַתְוָון קַמֵּיהּ מִסּוֹפָא אֲרֵישַׁיְיהוּ. שָׁרִיאַת אָת **ת** לְמֵיעַל בְּרֵישָׁא, אָמְרָה רִבּוֹן עָלְמִין נִיחָא קַמָּךְ לְמִבְרֵי בִּי עָלְמָא, דְּאֲנָא חוֹתְמָא דְגוּשְׁפַּנְקָא דִילָךְ אֱמֶ"ת, וְאַתְּ אִתְקְרִיאַת אֱמֶ"ת וכו'. עָאלַת אָת **ש** קַמֵּיהּ, אָמְרָה קַמֵּיהּ, רִבּוֹן עָלְמִין, נִיחָא קַמָּךְ לְמִבְרֵי בִּי עָלְמָא, דְּבִי אִתְקְרֵי שְׁמָךְ שַׁ-דַּ"י, וְיָאוּת לְמִבְרֵי עָלְמָא בִּשְׁמָא קַדִּישָׁא. אָמַר לָהּ, יָאוּת אַנְתְּ וְטַב אַנְתְּ וּקְשׁוֹט אַנְתְּ, אֲבָל הוֹאִיל וְאַתְוָון דְּזִיּוּפָא נָטְלִין לָךְ לְמֶהֱוֵי עִמְּהוֹן, לָא בָּעֵינָא לְמִבְרֵי בָּךְ עָלְמָא, דִּבְגִין דְּלָא יִתְקַיֵּים שִׁקְרָא אֶלָּא אִי יִטְלוּן לָךְ ק"ר. ○ מִכָּאן מַאן דְּבָעֵי לְמֵימַר שִׁקְרָא יִטּוֹל יְסוֹדָא דִקְשׁוֹט בְּקַדְמִיתָא וּלְבָתַר יוֹקִים לֵיהּ שִׁקְרָא, דְּהָא אָת **ש** אָת קְשׁוֹט אִיהוּ, אָת קְשׁוֹט דַּאֲבָהָתָן דְּאִתְיַיחֲדוּ בָהּ. ק"ר אַתְוָון דְּאִתְחֲזִיאוּ עַל סִטְרָא בִישָׁא אִנּוּן, וּבְגִין לְאִתְקַיְּימָא נָטְלֵי אָת **ש** בְּגַוַּויְיהוּ וַהֲוֵי קֶשֶׁר. ○ כֵּיוָן דְּחָמַאת הָכִי נָפְקַת מִקַּמֵּיהּ, עָאלַת אָת צ וכו'.

[צ] **פירוש: טאקע.**

[צא] **ברש"י שלח** (יג, כז)**: כל דבר שקר שאין אומרים בו קצת אמת בתחלתו, אין מתקיים בסופו.** [ומקורו בגמרא סוטה (לה.): כל לשון הרע שאין בו דבר אמת בתחילתו, אין מתקיים בסופו. ופירש שם רש"י, אינו מתקיים בסופו, שמחזיקין אותן השומעין כבדאין, לפיכך אומר דבר אמת תחילה].

KolSatmar.com

### קח

[איבערדעם] **זאָגט ער פאַר די שי"ן, דו ביסט טאַקע אַן אות אֱמֶת, דו ביסט דאָך אָבער אַ שותף מיטן שקר,** [און] **אַז דו ביסט אַ שותף מיטן שקר קאָן מען שוין מיט דיר נישט באַשאַפן קיין וועלט.**

**איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים, האָט מען 'אַוועקגעשטעלט' די שי"ן** [אין אַ זייט], **מ'האָט נישט באַשאַפן מיט איר די וועלט, ווייל ס'איז אַ שותף מיטן שקר.**

**כאָטש דער שי"ן בעצם איז אַן אות אֱמֶת, און דער שקר ליגט אין די אַנדערע אותיות, אין די קו"ף רי"ש. נאָר וואָס דען, מ'האָט זי דאָך אָבער משתף געווען מיטן שקר, האָט מען שוין נישט געקענט** [דערמיט] **באַשאַפן קיין וועלט.**

[עד כאן דברי הזוהר]. (ראה עוד הוספה לזה מדברי המדרש, להלן באות קטז)

### קט

ומובן זה לפי דברי הכלי יקר, כי אף המשקל צדק אם משתמשים
לרמאות בו, גם הוא בכלל תועבת ה' ובחינת השקר

[ולפי דברי הכלי יקר] **איבערדעם איז דאָך דאָס טאַקע** [מובן היטב מה שלא נברא העולם בש'], **ווייל ס'איז עפּעס געווען, דאָס איז געווען אַזוי ווי די זעלבע וואָס כ'האָב פריער געזאָגט, אַזוי ווי דאָס התחברות** [טוב ורע של הרמאים ויצר הרע], **ס'איז די בחינה פון 'איפה ואיפה'** [המבואר בכלי יקר, וואָס] **דאָס איז דער שורש פונעם ס"מ, פון דער בחינת השקר מיטן סמיות עינים.**

### קי

ורואין מזה עד היכן צריכין להתרחק מן השקר, אף שלא להשתמש
באותן 'לשונות' ואותיות שמשתמשין עמהם אצל השקר

[זעט מען דערפון] **ווי ווייט אַ איד ברויך אויף זיך אַכטונג געבן** [פונעם כח השקר והצביעות של היצר הרע].

**איבערדעם זענען די אַלע 'לשונות' אפילו, די 'לשונות' אפילו,** [של הרמאים], **דעס וואָס ס'רירט אָן** [בדרך שקר], **מוז מען אַנטלויפן** [דערפון, ולא יקבל מהם] **לא מיניה ולא מקצתו.**

**איבערדעם די אַלע לשונות און די אותיות** [שהם משתמשים בו], **דעס וואָס ס'איז חלילה פון דעם, זאָל מען זיך נישט לאָזן פאַרפירן.** (ההמשך לזה, באות קיד ואילך)

### קיא

**שאין ליכנס באותו פסח שמשתמשין בו הרשעים**

וכעין זה מצינו בגמרא דאות ה' רומז על עולם הזה, ולכן פתוחה מלמטה לרמוז כי כל הרוצה לצאת מדרך הישר יכול לצאת משם, וגם נפסק רגלו למעלה בצד השמאלי, לרמז כי כל הרוצה לשוב, יוכל ליכנס דרך פתח התשובה הנרמז שם

**קען זיין** [להוסיף ביאור בזה, על פי וואָס] **די גמרא זאָגט**[צב] **ביי די אותיות, די אות ה"א איז פתוחה למטה, ווייל ס'איז אַ דֶרֶךְ פאַר די רְשָׁעִים** [שכל הרוצה לצאת יצא].

---

[צב] **בגמרא מנחות** (כט:): אמר רב אשי, חזינא להו לספרי דווקני [פירש"י ספרי שמדקדקים לעשות כתב מיושר] **דבי רב, דחטרי להו לגגיה דחי"ת** [לגגו של חית עושין למעלה כעין חוטר], **ותלו ליה לכרעיה דה"י** [רגל הפנימי של ה"י תלוי באויר ואינו דבוק לגגון]. חטרי להו לגגיה דחי"ת, כלומר חי הוא ברומו של עולם [כלומר הקב"ה חי ושוכן ברומו של עולם, חי"ת היינו חין]. **ותלו ליה לכרעיה דה"י**, כדבעא מיניה רבי יהודה נשיאה מר' אמי, מאי דכתיב (ישעי' כו, ד) בִּטְחוּ בַה' עֲדֵי עַד כִּי בְּקָהּ ה' צוּר עוֹלָמִים, אמר ליה כל התולה בטחונו בהקב"ה הרי לו מחסה בעולם הזה ולעולם הבא, אמר ליה אנא הכי קא קשיא לי, מאי שנא דכתיב בקָהּ ולא כתיב קָהּ, כדדרש ר' יהודה בר ר' אילעאי אלו שני עולמות שברא הקב"ה וכו', העולם הזה בה"י והעולם הבא ביו"ד. ומפני מה נברא העולם הזה

KolSatmar.com

פונדעסטוועגן, פאַרוואָס דער ה״א איז דער כַּרְעָא פון די ה״א איז דאָרטן די כַּרְעָא אויבן איבערגעהאַקט, נִפְסַק כַּרְעָא, דער רֶגֶל הַשְּׂמֹאל איז אויבן דאָ אַ הֶפְסֵק. געוויינדליך איז [כל אות מגוף אחד] לְמָשָׁל אַזוי ווי דער חי״ת, ס׳איז ביז אַרויף [מחובר] ביז אויבן, [מה שאין כן באות ה׳ וואָס] ס׳איז אַ הֶפְסֵק דאָרטן.

[זאָגט די גמרא דעם טעם], ווייל ס׳איז דאָ אַ דֶּרֶךְ פאַר די בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה [לחזור דרך שם]. כאָטשיג אַז זיי זענען [פון] תחילת [אָן געוועזן] רְשָׁעִים, אַז מ׳טוט אָבער תְּשׁוּבָה קאָן מען צוריק אַריינגיין דורך דאָרטן, קען מען אַריינגיין פון דער אויבן.

קיב

והקשה בגמרא למה צריך פתח מיוחד לחזור וליכנס, ולא סגי שיכנס דרך מטה בפתח שיצא משם. ומתרץ הגמרא כי ״לא אסתייע מילתא״ לשוב באותו הפתח שהחוטאים השתמשו בו, ולכן צריך פתח מיוחד להשבים בתשובה, אף ששם הוא פתח קטן, ולמטה הוא פתח גדול

פרעגט די גמרא, וואָס דאַרף מען האָבן נפסק [ביי] יעדע ה״א [מטעם זה, והלא] מ׳קאָן דאָך [אַריינגיין בהך פתח שפתוח מלמטה], **אונטן איז דאָך דאָ אַ גרויסער וועג, פון אונטן איז דאָך אינגאַנצן פריי, מ׳קען דאָך דאָרט אַריבער גיין.**

זאָגט די גמרא **לא מסתייעא מילתא**, ווייל דאָרט חלילה, דעס איז דאָך [דער פתח] פאַר די עוֹבְרֵי עֲבֵירָה, קען מען דאָרט נישט גיין [צוריק] דער וואָס ער וויל נישט זינדיגן, דער וואָס ער איז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה קען דאָרט נישט גיין מער, [ווייל] ס׳איז **לא איסתייעא מילתא**, געלונגט עס נישט.

קיג

ורואין מזה כי אין לילך כלל באותו ׳דרך׳ ובאותו ׳פתח׳ שהולכים בו להשקר, אפילו כשרוצה לילך לדרך הטוב, כי אז לא איסתייע מילתא, מכיון שהוא בדרך אחד עם הרשעים

ווייל ׳דער דֶּרֶךְ׳ וואָס ס׳איז דאָ עוֹבְרֵי עֲבֵירָה, אפילו ווען מ׳וויל עס טון ׳גוט׳, איז שוין **לא איסתייעא מילתא**. [ולכן] מ׳מוז האָבן אַן אַנדערן דֶּרֶךְ, אפילו [ס׳איז] אַ ׳קליינעם׳ דֶּרֶךְ, אפילו אַ קליינעם הֶפְסֵק - נִפְסַק הָרֶגֶל, - מוז מען האָבן אַ דֶּרֶךְ וואָס מ׳מוז האָבן [עקסטער], מ׳מוז האָבן אַן אַנדערן דֶּרֶךְ, ווייל ׳דאָרטן׳ [בדרך שלמטה] איז אַמאָל[צג] **לא איסתייעא מילתא**, [ווייל] דאָס קאָן נישט זיין די ביידע אינאיינעם, וואָרן דער דֶּרֶךְ הָאֱמֶת און דער דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה איז ׳נאָר׳ די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה און אֱמֶת, איבערדעם קאָן דאָס נישט זיין [שילכו שניהם בפתח אחד].

(ראה עוד הוספה לזה מדברי האלשיך, להלן באות קיז)

קיד

וכמו כן אין להשתמש באותן ׳הלשונות׳ שמשתמשין בהם אצל הרשעים

איבערדעם אפילו נאָר דער זעלבער לָשׁוֹן [אין ראוי להשתמש כמותם], ווי די גמרא [זאָגט] (כדלקמן באות קיח ואילך).

---

**בה״י, מפני שדומה לאכסדרה,** [שפתוח מתחתיו], **שכל הרוצה לצאת יצא. ומאי טעמא תליא כרעיה, דאי הדר בתשובה מעיילי ליה** [בפתח העליון, בין רגל שבתוכו לגגו]. **ולעייל בהך** [פתחת התחתון דנפיק ביה], **לא מסתייעא מילתא,** [דהבא ליטהר בעי סיוע מפני יצר הרע, הלכך עבדי ליה סיוע פתח יתירה], כדריש לקיש דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (משלי ג, לד) אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וְלַעֲנָוִים יִתֶּן חֵן, **בא לטהר מסייעין אותו** [אלמא בעי סיוע], **בא לטמא פותחין לו.** ומאי טעמא אית ליה תאגא [לה״, כתר קטן בסוף גגו דה״י], אמר הקב״ה אם חוזר בו אני קושר לו קשר.

[צג] פירוש: בכל אופן, אַמאָל ׳זיכער׳.

### קטו
### ישוב קושיא א וקושיא ג (בשאלת המדרש)

ומיושב תמיהת הפרקי דרבי אליעזר, "זה זכור וזה זכור", כיצד יתקיימו שניהם. וכן דברי הפסיקתא בשאלת משה רבינו הלא זכירה נאמר בצדיקים, והאיך נאמר ברשעים. דהשאלה הוא האיך אפשר להשתמש 'בלשונות' השוים אצל הצדיקים וצד הקדושה, ואצל הרשעים וצד הטומאה

**איבערדעם קאָן זיין** [ליישב] **וואָס איך האָב אָנגעהויבן פריער, דעם מדרש** [שבפרקי דרבי אליעזר, שמתמה הרי] **כתוב אחד אומר** ["זכור" וכו', כיצד יתקיים שניהם] (קושיא א)**.**

[וכן יבואר הפסיקתא, מה שטען משה רבינו] **זאָל מען נישט** [זאָגן לשון] **זכור,** [כי] **נאמר זכירה בצדיקים** [ולא ברשעים] (קושיא ג)**.**

[שהרי] **על כל פנים זעט מען דאָך אַז מ'האָט זיך געהיט אפילו די 'לְשׁוֹנוֹת'** [שלא להזכיר לשון אחד אצל צדיקים ורשעים]**.**

### קטז

ועל דרך זה מבואר במדרש, שלכן לא נברא העולם באל"ף, יען שהוא נוטריקון לשון ארור, אלא נבא בבי"ת שהוא נוטריקון לשון ברכה

[ווי] **ס'איז געווען ביי בְּרִיאַת הָעוֹלָם**[צד] **האָט מען נישט געוואָלט באַשאַפן מיט די אל"ף, ווייל די אל"ף איז, חלילה 'אָרוּר' הייבט זיך אָן מיט אַן אל"ף, האָט מען געמוזט באַשאַפן מיט אַ בי"ת, וואָס מיט בי"ת הייבט זיך אָן 'בְּרָכָה', און הלואי שיתקיים.**

[ווייל] **דעס וואָס ס'ווערט באַנוצט אויף דעם וואָס ס'טויג נישט, אפילו ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש, מ'האָט גאָר דאָס נישט אינזין, קאָן מען עס שוין נישט באַנוצן אויפן גוטן, אפילו די 'לְשׁוֹנוֹת' אַליין טאָר מען נישט אויסמישן.**

### קיז

וכן על דרך זה מבואר באלשיך ומפרשים בביאור הפסוק אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם מְנַע רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם, כי אין לילך כלל באותו נתיב ודרך שהולכין בו הרשעים, אפילו בזמן שאין הרשעים נמצאין שם

**ווי זיי טייטשן דאָך, ער דער אלשיך הקדוש טאַקע טייטשט עס**[צה]**, און אַלע מפרשים**[צו]**,** [וואָס] **ס'שטייט** (משלי א, טו) **בְּנִי אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם מְנַע רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם.**

---

[צד] כמבואר **בבראשית רבה** (א, י): דרש רבי יהודה בן פזי במעשה בראשית בהדיה דבר קפרא, למה נברא העולם בב', להודיעך שהן שני עולמים, העוה"ז והעוה"ב. דבר אחר ולמה בב', שהוא לשון בְּרָכָה. **ולמה לא באל"ף, שהוא לשון ארירה.** דבר אחר למה לא באל"ף, שלא ליתן פתחון פה לאפיקורסין לומר היאך העולם יכול לעמוד שהוא נברא בלשון ארירה, אלא אמר הקב"ה הרי אני בורא אותו **בלשון בְּרָכָה, והלואי יעמוד'.**

[צה] בפירושו **רב פנינים** על משלי (א, טו): והנה ידעתי **בני** ידעתי כי מעצמך **אל תלך** אפילו **בדרך** רחבה **אתם,** כלומר יחד אתם, כי תירא לנפשך. אך מה שאצטרך לצוותך הוא **מנע רגלך מנתיבתם,** והוא בל תאמר בלבבך לא אתחבר אתם אך רחוק יהיה ביני ובינם ואתיצבה בנתיב צר בלתי מפורסם, וכאשר תראינה עיני יתיעצו להדיח אמלטה רק אני ואצא מתוך ההפכה, ואהיה רחוק מן ההפסד וקרוב לשכר, שירבו עלי מאד מהר ומתן תחת היותי בנתיבתם. לא יעלה על רוחך תוכל להמלט על נפשך, כי הלא **רגלים** כשהוא **לרע** לא ילכו לְאַט, רק ירוצו וימהרו כל כך שלא תספיק להמלט טרם יעשו תועבה, ותלכד במצודה רעה וכו'. [ועיין להלן בלשון רבינו בויואל משה].

[צו] כן הוא **בראשון לציון** להאור החיים הק' על משלי שם, כמובא להלן בלשון רבינו בויואל משה.

וכן בביאור הגר"א על משלי שם: מנע רגליך מנתיבתם, כלומר לא מיבעיא שאל תלך בדרך, שהוא הדרך הגדול עצמו שהן דורכין והולכין בו, ואתם, אלא מנע רגליך **בפני עצמך בלא הם, ומנתיבותם** הקטנים שמהן באים להדרך הגדול, והיינו הדברים המביא לידי זה.

**ובמצודות דוד** שם: בדרך אתם, רוצה לומר בדרך אשר אתם, אשר הם הולכים בה, שלא תלמוד ממעשיהם. מנתיבתם. מהדרך **שהם הולכים בה.**

וכעין זה בפי' **המלבי"ם** שם: בני אל תלך בדרך אתם. דרך הוא הדרך הגדול הקבוע לרבים, והנתיבות הם של יחידים, ומוסיף שלא לבד שלא תלך אתם בדרך הגדול שלהם הקבוע לכולם, כי גם אל תלך בנתיבתם,

[וקשה לכאורה] אַז ער זאָגט שוין ״אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם״, וואָס זאָגט ער נאָכאַמאָל ״מְנַע רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם״.

[ולזה ביאר האלשיך ושאר מפרשים], ווייל קודם איז ער מַזְהִיר זאָלסט נישט גיין ׳מיט זיי׳. דערנאָך זאָגט ער [עפעס] אַנדערש, אפילו ׳זיי׳ גייען נישט דאָרטן [היצט], נאָר ס׳איז ״מִנְּתִיבָתָם״, אַז זיי גייען דאָרט ׳אַן אַנדערס מאָל׳, טאָרסטו שוין אויף דעם וועג נישט גיין, [ווייל] דו קאָנסט שוין אַריינפאַלן, אפילו ווען זיי גייען נישט, ווייל [אפשר שיתרמי שיהיו שם]. איבערדעם זאָגט ער מְנַע רַגְלְךָ ״מִנְּתִיבָתָם״, ווייל זיי גייען אַן אַנדערס מאָל, און דו קאָנסט דיך [אפשר] טרעפן מיט זיי[צז].

**קיח**

איבערדעם אפילו ׳די׳ **לְשׁוֹנוֹת** טויגן נישט [שיהיו בלשון אחד. ולכן שפיר הקשו במדרש, זה זכור וזה זכור, כיצד יתקיימו שניהם. וכן שאל משה רבינו הלא זכירה נאמר בצדיקים ולמה נאמר גם אצל הרשעים].

**קיט**

**הקדמה לישוב קושיא ב וקושיא ד (בתירוץ המדרש)**

איבערדעם דאָס קאָן זיין דער פְּשַׁט אין **מדרש** [בהתירוץ, דזה זכור לקדשו ולענגו וזה זכור להממו ולאבדו].

**קכ**

מבואר בגמרא שאין ללמוד בהיקש שיוכלו לגרש אשה ״בכסף״, משום שאין סניגור נעשה קטיגור, ולכן אין סברא ללמוד שיוכלו לגרש בכסף כשם שמקדשין בכסף

ווי די גמרא זאָגט[צח] אַז לעולם אַז כֶּסֶף איז [מכניס, לקדש בו אשה, אם כן קשה] **ותהא** [אשה] **מתגרשת בכסף**, פאַרוואָס קאָן מען נישט גֶט׳ן מיט כֶּסֶף.

זאָגט די גמרא פאַרוואָס, ווייל [וויבאַלד] מיט כֶּסֶף איז מען מְקַדֵּשׁ, איז **אֵין קַטֵּגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵּגוֹר**, **יֹאמְרוּ כֶּסֶף מַכְנִיס כֶּסֶף מוֹצִיא**, קען מען נישט זאָגן [שהכסף גם יוציא].

כאָטשיג אפילו דאָס איז גאָר ׳אַנדערע׳ געלט, נאָר וואָס דען אָבער אַז מיט כֶּסֶף איז מען מכניס, דער ׳הויה׳[צט] איז [בכסף], קען מען נישט ׳מוציא׳ זיין מיט כֶּסֶף, וואָרן

---

**בנתיב שהולך בו יחיד מהם. וגם הוסיף שלא לבד שלא תלך אתם בצוותא חדא, כי גם אם הם אין הולכים שם מנע רגלך שלא תלך בנתיב שהלך בו יחיד מהם וכו׳.**

[צז] **וז״ל רבינו בויואל משה** (א, קט): על דרך שכתב האלשיך במשלי א׳ לפרש הכתוב בני אל תלך בדרך אתם, שהזהיר בזה על שני דברים, שמלבד האזהרה שלא לילך בדרך אתם, עוד מזהיר שימנע רגלו מנתיבתם, אף כשאינו הולך אתם אלא רחוק יהיה בינו ובינם, ימנע רגלו מאותו הנתיב, כי שמא פתאום רגליהם לרע ירוצו שם וילכד במצודתם, יעוי״ש שהאריך וכו׳. וכעין זה פירש גם **האור החיים הק׳** בפירושו **ראשון לציון** על תנ״ך במשלי שם על הכתוב הנ״ל וזה לשונו: נראה שכוונת הכתובים לומר לזה המתפתה, לא מיבעיא שלא ישמע אליהם, אלא אפילו יאמרו לך שתהיה יוצא ובא עמהם להיות בחבורתם, אל תלך בדרך אתם, אפילו בדרך בעלמא, אין לך להתלוות עמהם, ולא די זה אלא אפילו בדרך המיוחד להם שהם רגילים שם מנע רגליך ממנו, שמא תפגע בהם. ולזה דקדק הכתוב ואמר מנע רגלך מנתיבתם, אפילו אינם בו וכו׳, ובזה הזהיר שימנע רגלו מאותו נתיב אפילו אין החוטאים בו, עכל״ק. והוא כמו שאמרו (פסחים מ: ועוד) סחור סחור אמרינן לנזירא לכרמא לא תקרב, וגדר גדול יש בזה וכו׳.

[צח] **בגמרא קידושין** (ה.): ומנין שאף בשטר [יכולין לקדש] וכו׳, אמר קרא (תצא כד, ב) וְיָצְאָה וְהָיְתָה, מקיש הויה ליציאה, מה יציאה בשטר אף הויה נמי בשטר. ואקיש נמי יציאה להויה, מה הויה בכסף אף יציאה בכסף, אמר **אביי יאמרו כסף מכניס כסף מוציא, סניגור יעשה קטיגור. אי הכי שטר נמי יאמרו שטר מוציא שטר מכניס, קטיגור יעשה סניגור. מילי דהאי שטרא לחודף ומילי דהאי שטרא לחוד** [פירש״י: בזה כתוב לשון כניסה, וזה מפורש לשון יציאה]. **הכא נמי האי כספא לחוד והאי כספא לחוד** [כשהוא נותנו מפרש על מנת מה הוא נותנו], **טיבעא מיהא חד הוא** [אינו נזכר בתוכו אם להוציא אם להכניס].

אַז מ׳וועט מוציא זיין מיט כֶּסֶף וועט מען נישט קענען מכניס זיין, [ווייל] **אֵין קַטֵּגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵּגוֹר.**

**קכא**

ושוב הקשו דאם כן האיך למדו בהיקש שיכולין לקדש אשה "בשטר", והלא אין קטיגור נעשה סניגור. ותירצו דהתם שאני, כי בשטר קידושין מפורש בו שהוא להכניס, ובשטר גירושין מפורש בו שהוא להוציא, וניכר החילוק שביניהם. משא״כ בכסף שאין ניכר חילוק בהכסף, בין כסף קידושין לכסף גירושין

פרעגט די גמרא און **וואָס איז בשטר, בשטר איז מען מכניס,** מ׳קען דאָך מְקַדֵּשׁ זיין **בשטר,** און [מ׳קען אויך] גֶט׳ן **בשטר.**

ענטפערט די גמרא ניין, **מילי דהאי שטרא לחוד ומילי דהאי שטרא לחוד,** [מה שאין כן בכסף אין לומר כך, שהרי] אָבער "געלט" איז דאָך עס, דאָך איז דאָך 'דעס' איז **געלט** און 'דעס' איז **געלט** [ואין ניכר שינוי בהמטבע עצמה]. **כאָטשיג ס׳איז אַנדערע** [צוועקן], ס׳איז אָבער [די זעלבע] **געלט.**

אָבער אַ **שטר** איז דאָך [עיקרו ומהותו רק] **דאָס 'לָשוֹן' השטר, און דאָס איז אַן אַנדער לָשוֹן, דאָס איז קידושין, און דאָס איז גירושין.**

**קכב**

**ישוב קושיא ב וקושיא ד (בתירוץ המדרש)**

ובזה יבואר תירוץ הפרקי דר״א והפסיקתא, דיש חילוק בין זכירת השבת והצדיקים, שמפורש בו שהוא לטובה, ובין זכירת עמלק והרשעים שמפורש בו שהוא לרעה. והוא כעין מה שאמרו בשטר דמילי דהאי שטרא לחוד ומילי דהאי שטרא לחוד

דאָס קאָן זיין איז דער פְּשַט, דאָס זאָגט דער מדרש דאָ אין די צוויי מדרשים (שבקושיא א-ב, ובקושיא ג-ד).

ס׳שטייט אַז "זָכוֹר" אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, ליגט דאָך אין דעם לשון זכירה פאַר עֲמָלֵק׳ס וועגן, איבערדעם האָט ער [משה רבינו] געפרעגט **והלא נאמר ס׳שטייט דאָך גאָר אַ "זכירה" ביי צדיקים.** [ושאלתו הוא כעין] **דעס וואָס די גמרא פרעגט אויף שטר אַז ס׳איז אֵין קטיגור נעשה סניגור,** ווי קען זיין אַ שטר אויף גירושין און אויף קידושין, [והלא] אֵין קטיגור נעשה סניגור. און דער "זכור" איז דאָך אויכעט, ווי קאָן זיין דעס לשון "זכור" **אויפן מקור הטובה און אויפן מקור הרעה דער זעלבער לָשוֹן,** [והלא] **אֵין קטיגור נעשה** [סניגור].

[נאָר] ענטפערט [דאָך] די גמרא ניין, **מילי דהאי שטרא לחוד ומילי דהאי שטרא לחוד.**

[און] דאָס איז דער תירוץ פונעם מדרש [הראשון], וואָס ער ענטפערט **זה זכרהו לקדשו ולענגו וזה זכרהו להממו ולאבדו,** דעס וואָס ער ענטפערט דאָס איז די זעלבע [ווי דער תירוץ הגמרא].

איבערדעם זאָגט ער [במדרש השני], **זכירה בצדיקים זענען אויף עפּעס אַנדערש,** [דזכרונם של צדיקים כדי ליתן להם מתן שכר לעתיד לבא, וזכרונם של רשעים כדי ליפרע מהם ולמחות את שמם]. **דאָס איז מילי דהאי שטרא לחוד ומילי דהאי שטרא לחוד.**

---

[צט] כן הוא לשון הגמרא ע״פ לשון הפסוק וְיָצְאָה וְהָיְתָה לְאִישׁ אַחֵר, דגירושין מכונה בלשון יציאה, וקידושין מכונה בלשון הויה.

KolSatmar.com

### קכג
### ונמצא דקושיית המדרשים ותירוצם, הוא כעין קושית ותירוץ הגמרא לענין קידושין בשטר

איבערדעם דאָס איז דער מדרש, דאָס איז [די זעלבע ווי] דעס שטיקל **גמרא** [בקידושין], די **קשיא** פון די גמרא, מיטן **תירוץ**. דעס וואָס די גמרא פרעגט וויאַזוי קען זיין בשטר, מתגרשת בשטר ומתקדשת, איז [דאָך] דער **תירוץ מילי דהאי שטרא לחוד**. 'דאָס' איז דער מדרש, דער זכור, דעס וועס ער פרעגט אויף די צוויי **זכירות**, איז דאָס די זעלבע **קשיא** מיט דעם זעלבן **תירוץ**, איבערדעם איז דאָס טאַקע [דער תירוץ], ווייל מיט דעם ווייזט מען [דמילי דהאי זכור לחוד ומילי דהאי זכור לחוד].

### קכד
### היוצא מזה לענינינו:

אָבער על כל פנים מוז טאַקע זיין **מילי דהאי שטרא לחוד**, אָבער וויבאַלד אַז ס'איז 'עפּעס' [כמותם], איז דאָס שוין אַ **כלל** אַז [ווען] רשעים קומען, איז אֵין **קטיגור נעשה סניגור** [כדמוכח שם מדברי הגמרא].

אַזוי [ווייט] איז דער זהירות.

### קכה

דער עיקר איז, אַז ס'קומט **זָכוֹר** פאַר **פּוּרִים**, ברויך מען [געדענקן] דעם שורש פון **מְחִיַּת עֲמָלֵק**, [און] פון די **דַּרְכֵּי הַיֵּצֶר**, [שבא תמיד בדרך צביעות ומרמה. ולכן] ברויך מען זיך מְרַחֵק זיין אפילו דעס וואָס ס'איז דוֹמֶה לוֹ, דעס 'הִתְחַבְּרוּת' [דורך] וואָס ס'איז דוֹמֶה בְּדוֹמֶה.

### קכו

איך פלעג דאָך אַלעמאָל צו טייטשן, וואָס ס'שטייט אין **מדרש** אין **קהלת**[ק] [על הפסוק] **עֵת לַחֲבוֹק וְעֵת לִרְחֹק מֵחַבֵּק** (קהלת ג, ה), זאָגט דער מדרש, **אם ראית כת של צדיקים התקרב אצלם ולכיוצא בהם, ואם ראית כת של רשעים רחק מהם 'ומכיוצא בהם'**.

פלעג איך אייביג צו פרעגן, ווער איז דער "כיוצא בהם". זענען 'די' צדיקים? נו פאַרוואָס רחק [מהם]. זענען זיי רשעים? זענען זיי דאָך נישט [נאָר] "כיוצא בהם", זענען זיי דאָך טאַקע 'די'. ווער זענען די "כיוצא בהם".

### קכז

נאָר ס'שטייט אין **אבות דרבי נתן** (ל, ג), **כל המחבר לרשעים, אף על פי שאינו עושה כמעשיהם, הרי הוא מקבל שכר 'כיוצא בהם'. וכל המתחבר עם צדיקים, אף על פי שאינו עושה כמעשיהם, הרי הוא מקבל שכר 'כיוצא בהם'.**

זאָגט דאָך אַרויס דער אבות דרבי נתן, [אז] אפילו מ'איז נישט 'דאָס', [און] **אפילו** אַז מ'איז גאָר אַ צַדִּיק, אַז מ'איז זיך אָבער חלילה **מתחבר לרשעים**, דער 'שכר' איז **"כיוצא בהם"**.

---

[ק] בקהלת רבה (ג, פסוק ה): עת לחבוק, אם ראית כת של צדיקים עומדים, עמוד וחבק ונשק וגפפם. ועת לרחוק מחבק, אם ראית כת של רשעים רחק מהם ומכיוצא בהן.

KolSatmar.com

### קכח

**איבערדעם זאָגט ער דאָס, אם ראית חבורה של רשעים רחק מהם "ומכיוצא בהם", פון די וואָס זענען זיך מיט זיי 'מתחבר' [עמהם]. אפילו גאָר זיי זענען [לעצמם] צדיקים, אָבער ס'ווערט דאָך "כיוצא בהם", איבערדעם מוז זיין רְחַק [גם מהמתחברים]. אַזוי פלעג איך צו זאָגן.**

### קכט

**איבערדעם איז אַ יעדעס הִתְחַבְּרוּת [לדרך רשעים הוא מזיק], דאָס איז אַ כְּלַל גָּדוֹל, דאָס זעט מען [בחוש], דאָס דאַרף מען נישט זאָגן.**

**איבערהויפּט אין דעם דור הַשָּׁפָל [דהסכנה וההיזק יותר גדול, מחמת חולשת הדור].**

### קל

**איך וועל נישט מאריך זיין, איך האָב שוין דאָס כמה פעמים געזאָגט[קא], אַזוי ווי ס'איז געווען, אַזוי איז געווען ביים דור הפלגה די אַלע כיתות[קב]. [ס'איז געווען] אַ כיתה וואָס האָט לוחם געווען מיט הקדוש ברוך הוא, און [ס'איז געווען] אַ כַּת וואָס זיי האָבן געוואָלט זיין כמלאכי השרת, דינען דעם אייבירשטען גאָר, [והם אמרו] לאָמיר אַרויפגיין לרקיע ונהיה כמלאכי השרת. אָבער דאָס איז אַלעס אָבער [הלא הלכו כולם ביחד בעצה אחת], ס'איז אָבער געווען אין דעם זעלבן טורעם, [און פאַרדעם] האָט נישט געטויגט.**

### קלא
### ישוב קושיא ו

הקדושה והאמת הוא בצד אחד, והטומאה והשקר הוא בצד אחר לגמרי. אבל דרך עמלק והיצר הרע לעשות "התערובת" קודש וחול, לערב הקדושה והטומאה, ולערב האמת והשקר, ולזה גורמים שנעשה האדם "מסובב" עם כל הצדדים כאחד, ולכן נקראים כוחות היצר בלשון אֹיְבֶיךָ "מִסָּבִיב"

**איבערדעם איז דאָס די זעלבע.**

**איבערדעם זאָגט מען, דאָס קען זיין איז דער פְּשַׁט והיה בהניח ה' אלקיך לך מכל אויבך "מסביב", אַז דאָס איז 'אַרום און אַרום'.**

**וואָרן דער אלשיך הקדוש זאָגט דאָך אַז [דער מחיית עמלק] דאָס גייט אַרויף אויפן שרו של עמלק, אויפן יצר הרע, אויפן פנימיות. [און] דאָס איז פאַרהאַנדן "מסביב" [וכדלעיל באות קג], ער 'נעמט אַרום' [מיט] אַסאַך בחינות [של צביעות ומרמה, מיט וואָס] מ'כאַפּט אַריין, מ'מישט אויס דעם אֱמֶת מיטן שֶׁקֶר, איבערדעם איז מען אַרומגערינגלט.**

### קלב

**וואָרן אייביג איז דאָך, איז דער שֶׁקֶר איז אויף איין צַד, און דער אֱמֶת אויף אַן אַנדערן צַד. די קְדוּשָּׁה איז אויף איין צַד, און די טוּמְאָה [שהיא] היפוך הקדושה איז אויף אַן אַנדערן צַד. אַז ס'איז אָבער דאָס ווערט אַ תערובות, ממילא איז מען אַרומגערינגלט [עם כמה צדדים ובחינות מעורבות].**

**איבערדעם איז דאָס בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ [וואָס] ס'ווערט זיין "מִסָּבִיב".**

(ועיין בזה גם לעיל באות קג)

---

[קא] ומהם בס"ג נח תשי"ד (לשון קדשו קונטרס עו).

[קב] כמבואר בגמרא סנהדרין (קט.) ובבראשית רבה (לח, ו) ותנחומא (נח, סימן יח).

### קלג
### ישוב קושיא ז

וכן יבואר דברי הספרי שלא יאגוד עליך "אגודה", היינו עירוב ואיגוד כוחות הקדושה וכוחות הטומאה, בכדי לסמות עינים בדרכי הצביעות והמרמה. ולעתיד שיזכו להתגברות כח הקדושה והאמת, שיהיה כל אחד בצד אחד בפני עצמו. ואז הוא סימן זמן הגאולה ועת מחיית עמלק

**דאָס קען זיין אפשר דאָס מיינט דער ספרי, שלא יאגוד עליך ׳אגודה׳.**
**וואָס הייסט שוין אגודה, אַז מ׳נעמט צוזאַם, אַז מ׳נעמט צוזאַם ׳געמישטע׳ כּוחות,** [וואָס] **מ׳זעט ווי ווייט, ווי האַרבּ** [דאָס איז].

**אָבער ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן, ער וועט מֵאִיר עֵינֵי יִשְׂרָאֵל זיין, וועלן ׳די׳ פעלער**[קג] **נישט זיין, נאָר ס׳וועט זיך** [אַרויס] **שטעלן אַ בּירוּר אֲמִיתִּי, וואָס די קְדוּשָׁה וועט זיין ׳פאַר זיך׳, די קְדוּשָׁה מיטן אֱמֶת וועלן זיין** [בפני עצמם, ווייל] **ס׳וועט זיין אַ בִּירוּר** [טוב ורע. און] **דער שֶׁקֶר מיט די טוּמְאָה וועט זיין אַ בִּירוּר ׳פאַר זיך׳. וועט דאָס בטל ווערן דעס גאַנצע התחברות.**

**איבערדעם וועט זיין והיה בהניח ה׳ אלקיך, דעמאָלטס וועט זיין דער** [בהניח לך] **׳מסביב׳, שלא יעשה עליך ׳אגודה׳, אַז דאָס וועט זיך נישט צוזאַמנעמען,** [ס׳וועט נישט זיין קיין ׳אִיגוּד׳ הַכּוֹחוֹת.

**וואָרן דעמאָלטס דאָס וועט זיין דער סימן** [שהגיע עת הגאולה ומחיית עמלק, ווען] **מ׳וועט שוין זען אַז ס׳איז אַ בִּירוּר. דעמאָלטס וועט דער בורא כל עולמים העלפן אידן אַז מ׳וועט זוכה זיין צום התגברות כֹּחַ הָאֱמֶת, התגברות כֹּחַ הַקְּדוּשָׁה.**

### קלד
### ישוב קושיא ח

ולזה ממשיך הכתוב, כי אז תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק אפילו "מִתַּחַת" הַשָּׁמָיִם, דהיינו למטה בארץ. כי בשמים ממעל היה ניכר הקדושה בפני עצמו גם עד עתה, ורק בארץ היה עירבוב דברים בזה, ואז יתגלה האמת גם בארץ

**ממילא דעמאָלטס וועט זיין תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק אפילו "מִתַּחַת" הַשָּׁמָיִם.**
**וואָרן למעלה איז אַלדינגס אַ בִּירוּר** [בכל זמן וזמן], **דאָרטן זעט זיך אַלעס אַרויס.** [און] **אַלעס וואָס ס׳איז דאָ ערגעץ אַ סַמְיוּת עֵינַיִם** [און] **דעס הִתְעַרְבוּת, דאָס איז נאָר דאָ אונטן. איבערדעם זאָגט ער "מִתַּחַת" הַשָּׁמָיִם,** [שאז יהיה הבירור והתגברות כח האמת, גם למטה בארץ].

**ממילא איבערדעם** [זאָגט ער] **לֹא תִּשְׁכָּח, מ׳זאָל נישט פאַרגעסן** [ענין זה, עד כמה צריך להזהר ולהרחק מהתערבות טוב ורע, ושלא להתפס בדרכי הצביעות ומרמה של היצר הרע].

### קלה
# ישוב הקושיות בפרשת ויקרא
### הקדמה לישוב קושיא ה

**מיט דעם וועל איך צוקומען צו דעם וואָס איך האָב אָנגעהויבן** [בפרשת השבוע], **די זעלבע בחינה דאָ אין פרשת ויקרא, אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם** [קָרְבָּן "לַה׳"], **פאַרוואָס דאָ האָט מען נישט געזאָגט** [רק שם הוי"ה בלבד].

---

[קג] פירוש: מקרים, אופנים, (׳פאַל׳ בלשון רבים).

**קלו**

הרמב״ם כתב בטעם הקרבנות, כי העובדי עבו״ז היו רגילין לזבוח לעצבים שלהם,
והיה קשה למונעם לגמרי מקרבנות, ולכן צוה ה׳ לזבוח הקרבנות רק לשם ה׳

נאָר וואָס דאַכט זיך מיר - האָב איך שוין געזאָגט אַמאָל - דעם הֶסְבֵּר, אַז נאָר דער **רמב״ם** זאָגט דאָך[קד] דעם טעם פון **קרבנות**, ווייל מ׳איז געוואוינט געווען [לזבוח] צו די **עבודה זרה**, [און] מ׳האָט נישט געקענט אָפּגעוויינען, [וכמו שנזכר טעם זה בפסוק] וְלֹא יִזְבְּחוּ [עוֹד] אֶת זִבְחֵיהֶם לַשְּׂעִירִם[קה] (אחרי יז, ז).

[וכמה ראשונים] זיי זענען דאָך חולֵק אויף אים[קו].

**קלז**

והנה כל טעמי המצות שכתב הרמב״ם, גם הוא מודה שאין זה טעם העיקרי והפנימי,
אלא שרצה ליתן גם טעמים פשוטים על המצות, וכדרכו של הספר החינוך בזה

נאָר עקסטערדעם, מילא דאָס איז זיכער [אף להרמב״ם], ווי דער **רא״ה** זאָגט [בספר החינוך][קז] אַז די אַלע טעמים וואָס זיי זאָגן, קלערט מען נישט אַז ׳דאָס׳ איז טאַקע דער טעם [ולא יותר, נאָר] דאָס ווייסט מען אַז ס׳איז עקסטערדעם דאָ **טַעֲמִים נִשְׂגָּבִים** אויף יעדע מצוה, אין דעם איז דער רמב״ם אויך נישט מסופק געווען. נאָר מ׳זאָגט נאָר [גם טעמים פשוטים].

דער **חינוך** זאגט[קז] [אז] מ׳זאָגט דאָס אויך **לשם שמים**, אַז מ׳זאָל וויסן אַז ס׳איז דאָ דערינען **טעמים פשוטים** אויכעט, **דברים מהוגנים** [לפי הפשט והנגלה] איז אויכעט דאָ דערינען, [וכלשון החינוך] **והכל לשם שמים**. דאָס איז אַמאָל געוויס.

**קלח**

אבל מכל מקום בטעם הקרבנות הקשו עליו, שהרי גם אדם ונח כבר
הקריבו קרבנות לה׳, בזמן שעדיין לא היה שייך הטעם שכתב הרמב״ם

אָבער אף על פי כן אויף דעם פרעגט מען דאָך האַרבּ[קו], [שהרי] ס׳איז דאָך געווען קרבנות פריער, נאָך ׳פאַר׳ דעם. [שהרי] **אדם הראשון** האָט נאָך מקריב געווען קרבנות, **אדם הראשון** און **נח**, ווען ס׳איז נישט געווען קיין עבודה זרה[קח].

---

[קד] **בספר המורה** ח״ג (פרק לב ופרק נו), עיי״ש באורך.

[קה] וכמבואר כן **בויקרא רבה** (כב, ח), עיי״ש.

[קו] עיין באורך **ברמב״ן** ויקרא (א, ט) מה שהקשה על הרמב״ם בזה. ועיין עוד מה שהאריכו בזה בטעמים אחרים, בספר החינוך (מצוה צה), ורבינו בחיי ובעל העקידה והאלשיך והישמח משה (בפרשת ויקרא), ובדברי חיים (שם) בשם האר״י ז״ל (טעמי המצות ויקרא, ועץ חיים ש״נ פ״ב), וברלב״ג (פרשת צו), ועוד.

[קז] וכמו שהזכיר רבינו מזה יותר בארוכה **בס״ג שקלים** תשי״ד (לשון קדשו רל, אות עא-עג). ושם העתקנו מדברי ספר החינוך בזה בכמה מקומות.

ועיין עוד **בספר החינוך** ריש תרומה (מצוה צה) מה שהאריך בענין מצנות בנין בית הבחירה להקריב שם הקרבנות לה׳. וכתב שם בתחלה כהקדמה וז״ל: ידוע הדבר ומפורסם בינינו העם מקבלי המצוות, כי שבעים פנים לתורה, ובכל אחת מהן שרשים גדולים ורבים, ולכל שורש ושורש ענפים, כל אחד ישא אשכול גדול של פירות נחמדים להשכיל לבות, יום יום יוציאו פרח לשוקדים עליהם, פרחי חכמה ושכל טוב, כל עינים מאירות ורחבה ונסבה עומק חכמתה עד שאין כח באדם להשיג תכליתה, כמו שהעיד המלך החכם (קהלת ז, כג) אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני, ועם כל זה אין להרפות ידי העוסק בה, כי אם מעט ואם הרבה ממנה יאכל, כולה מתוקה, ואם יש כמה אשר מפרי עץ הגן לא תשיג ידם לקחת, יקחו להם עלהו לתרופה. ואנכי עם דעתי גודל ערכה ורוב עמקה, וכי פליאה ממני נשגבה, פערתי פי לדבר בה, ואסמוך במה שלמדוני רבותי (עבודה זרה יט.) ליגרוס איניש ואף על גב דלא ידע מאי קאמר, שנאמר (תהלים קיט, כ) גרסה נפשי לתאבה וכו׳.

[קח] עיין **בויקרא רבה** (ז, ד): משל למלך שהיו לו שני מְגִירְסִין, בישל לו האחד תבשיל, אָתָא וַאֲכָלוֹ והיה עָרֵב לו, ועשה השני תבשיל וַאֲכָלוֹ וְעָרֵב לו, ואין אנו יודעים איזה מהם עָרֵב לו יותר, אלא ממה שהוא מְצַוֶּה את השני

KolSatmar.com

**קלט**

וביארו מפרשי הרמב"ם, דאין כוונתו ליתן טעם על עצם הקרבנות, שעל זה יש טעמים אחרים נשגבים. אלא יען שהיה סברא שהתורה היה לה לאסור ענין הקרבנות לגמרי, מכיון שעשו כן גם לעבודה זרה, וכדרך שביאר הרמב"ם בטעם כמה לאוין שהם להרחיק את ישראל ממה שעושין העובדי עבודה זרה. לזה כתב הרמב"ם דהטעם שבכאן לא אסרה התורה לגמרי, הוא על שהיו רגילים בזה והיה קשה למונעם לגמרי מזביחת קרבנות, ע"כ צותה התורה לעשות מעשה זה לשם ה' דייקא, ובאופן זה ימנעו מלזבוח עוד לע"ז ח"ו

ברענגן זיי די **מפרשי הרמב"ם** דאָרט אין **ספר המורה**, ברענגן זיי אַזוי:

דאָס איז אַמאָל אֱמֶת, אַז **קרבנות** איז געווען [שוין אויך פון] **פריער**. נאָר די סברא העט גיווען געווען, [אז] הגם ס'איז געווען פריער, אָבער [שפּעטער] אַז זיי האָבן עס געמאַכט אַ **חק לעבודה זרה**, זיי האָבן געברענגט קרבנות צו דינען די עבודה זרה, העט מען עס גיווען געדאַרפט 'מְבַטֵל' זיין [שלא להביא עוד קרבנות אף לה'].

אַזוי ווי [ס'שטייט] **לֹא תָקִים לְךָ מַצֵּבָה אֲשֶׁר שָׂנֵא ה' אֱלֹקֶיךָ** (דברים טז, כב), [זאָגט רש"י][קט] כאָטשיג ס'איז געווען **אֲהוּבָה בימי האבות**, [אָבער] אַז מ'האָט עס געמאַכט **חק לעבודה זרה**, דאַרף מען עס נישט טון, [דעס] וואָס זיי טוען.

**קמ**

[און] דאָס איז דאָך טאַקע דעם רמב"ם'ס דרך (בספר המורה ח"ג) איז דאָך איבעראָל אַזוי [בטעמי המצות, שהוא להרחקה מדרך שעושין העובדי עבו"ז].

ער זאָגט דאָך אויף די אַלע איסורים וואָס די תורה הקדושה האָט גע'אַסֶר'ט, זאָגט ער [אז] רובא דרובא פון זיי זענען געווען חק לעבודה זרה, און פאַרדעם האָט מען עס גע'אַסֶר'ט. וואָרן די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה האָט שטאַרק מקפיד געווען [אז] אַלעס וואָס מ'טוט פאַר די עבודה זרה, זאָל מען נישט טון, זאָל מען דערפון אַנטלויפן, מ'זאָל מרחיק זיין, [כי היכי] דלא ליגרר אבתרייהו.

**קמא**

ממילא העט גיווען די סברא געווען אַז מ'זאָל עס מבטל זיין [כל ענין הקרבנות, כיון שהעובדי עבודה זרה עשאוהו חק לעבודתם].

[און אויף דעם] זאָגט ער [הרמב"ם], נאָר וואָס דען, [ווייל] מ'איז אָבער שוין שטאַרק רגיל געווען, וואָרן 'פריער' האָבן עס געטון די עובדי ה', און 'דערנאָך' די עובדי עבודה זרה, האָט דאָך עס די גאַנצע וועלט געטון, האָט מען זיך נישט געקענט דערפון אָפּרייסן, ממילא איבערדעם האָט מען עס ווייטער געלאָזט ס'זאָל זיין אין די מצות.

**קמב**

דער רמב"ם מיינט נישט [צו זאָגן] אַז ס'האָט זיך פאַרדעם 'אָנגעהויבן', נאָר

---

ואומר לו כתבשיל הזה תעשה לי, אנו יודעים שהשני עָרֵב לו בו יותר. כך הקריב נֹחַ קרבן והיה עָרֵב להקב"ה, שנאמר (נח ח, כא) וַיָּרַח ה' אֶת רֵיחַ הַנִּיחֹחַ. הקריבו ישראל והיה עָרֵב להקב"ה, ואין אנו יודעים איזה מהם עָרֵב לו ביותר, אלא במה שהוא מְצַוֶּה את ישראל ואומר להם (פינחס כח, ב) רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי, אנו יודעים ששל ישראל הוא עָרֵב ביותר, הדא הוא דכתיב (מלאכי ג) 'וְעָרְבָה' לַה' מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמֹנִיּת, כִּימֵי עוֹלָם, כימי מֹשֶׁה, וּכְשָׁנִים קַדְמֹנִיּת, כשני שְׁלֹמֹה. רבי אומר, כִּימֵי עוֹלָם, כימי נֹחַ, וּכְשָׁנִים קַדְמֹנִיּת, כימי הֶבֶל, שלא היתה עבודת כוכבים בימיו.

[קט] ברש"י שם: אשר שנא. מזבח אבנים ומזבח אדמה צוה לעשות, ואת זו שנא, כי חק היתה לכנענים. ואף על פי שהיתה אהובה לו בימי האבות, עכשיו שְׂנֵאָה, מאחר שעשאוה אלו חק לעבודת כוכבים.

KolSatmar.com

פאַרדעם האָט מען עס ׳געלאָזט׳. אַזוי זאָגן זיי דאָרטן די **מפרשים** דאָרטן אין **ספר המורה**, [דכוונת הרמב״ם כי] איבערדעם איז עס ׳געבליבן׳[ק].

**קמג**

**ישוב קושיא ה**

ובזה מובן למה דוקא בקרבנות הקפידה תורה שלא להזכיר רק שם הוי״ה בלבד, כי שונה מצות הקרבנות משאר כל המצות, שבכאן לא אסרה התורה לגמרי מלעשות המעשה שהם עושין, אלא שהזהירה התורה לעשות זאת רק לשם ה׳. ולכן אלמלי היה נכתב גם שאר שמות הנזכרים לפעמים גם בדברים אחרים, היה מקום לטעות בזה יותר מבשאר דברים

איבערדעם איז שוין רעכט פאַרוואָס ביי אַן אַנדערע מצוה האָט מען נישט מקפיד געווען [מלהזכיר בפסוקים] אפילו אַנדערע לשונות, למשל **אלקים** און **קֵל**.

**קמד**

וואָרן לעולם ווערט דאָך אָנגערופן אַזוי, די עבודות זרות ווערן אויך אָנגערופן, און פשוט אַ מענטש, דיינים ווערן אָנגערופן אלקים, [וכגון בפסוק] אֱלֹקִים לֹא תְקַלֵּל (משפטים כב, כז), ס׳ווערט דאָך אָנגערופן **לָשׁוֹן מָרוּת** הייסט דאָך עס[קיא]. די אַלע שמות ווערט דאָך אַן אַנדערער אויך אָנגערופן, און להבדיל עבודה זרה׳ס, די תורה הקדושה רופט עס אויך אָן אלהים, אלהים אחרים, און אֵל אחר.

נאָר בפרטיות [מיט] **דער שם הוי״ה** ווערט נישט אָנגערופן קיינער, קיין שום עבודה זרה, און קיין שום מָרוּת, דאָס איז דאָך טאַקע נאָר מיוחד פאַרן בורא כל עולמים אַליין.

**קמה**

[אמנם] איבערדעם איז רעכט.

ביי אַנדערע מצות האָט מען נישט מקפיד געווען, וואָרן די אומות העולם טוען נישט קיין אַנדערע מצות צו די עבודה זרה׳ס[קיב], [וממילא] קאָן מען זיך נישט טועה זיין אַז מ׳זאָגט [אויף אַ מצוה] אַז די עבודה זרה פלונית האָט עס געהייסן טון, וואָרן ס׳איז גאָר דעס מין נישטאָ ביי די אומות העולם, וואָרן מ׳נעמט נישט קיין אתרוג און מ׳לייגט נישט קיין תפילין [אצל העכו״ם], קיין אַנדערע מצות איז דאָך נישטאָ [אצלם] פון אַלע תרי״ג מצות.

נאָר די **קרבנות**, האָבן ׳זיי׳ דאָך געטון פאַר דער עבודה זרה, [והתורה צוותה לעשות לה׳], איבערדעם **׳דאָ׳ האָט מען זיך געמוזט היטן**, [כדי] ס׳זאָל נישט זיין **פתחון פה לבעל דין לחלוק**, דאָ אָט ווען מ׳שטעלט אַזאַ לשון וואָס מ׳קאָן זיך טועה זיין. איבערדעם האָט מען נאָר **דאָ אַליין** מקפיד געווען.

**קמו**

איבערדעם איז רעכט, די גמרא האָט נאָר ביי דעם מקפיד געווען, די גמרא זאָגט אַז ביי ׳דעם׳ האָט די תורה הקדושה מקפיד געווען ס׳זאָל נישט שטיין **נאָר דער שם הוי״ה**.

---

[ק] ועיין ענין זה באורך בביאור דברי הרמב״ם ועוד, בס״ג **בלק תשי״ד** (לשון קדשו קונטרס קצז), וס״ג **ויקרא תשכ״ז**, ועוד בכ״מ בדברי רבינו.

[קיא] כמבואר **ברש״י בראשית** (ו, ב): כל ׳אֱלֹקִים׳ שבמקרא לשון ׳מָרוּת׳, וזה יוכיח, וְאַתָּה תִּהְיֶה לּוֹ לֵאלֹהִים (שמות ד, טז), רְאֵה נְתַתִּיךָ אֱלֹהִים (וארא ז, א). [ועיין עוד ברש״י וירא (כ, יג), וישלח (לה, ז)].

[קיב] שהרי כל מה שהם עושין לעבודתם, כבר אסרה התורה לישראל לעשות אפילו לה׳.

KolSatmar.com

**קמז**

ולדרכינו לעיל שאסור להזכיר אף 'לשונות' השוים אצל הרשעים ועובדי עבודה זרה, יש להוסיף עוד, כי הטעם שחשש התורה מלהזכיר בזה שאר שמות, אינו רק בכדי שיבוא לטעות, אלא דגם בעצם אסור להזכיר בענין זה שאר השמות, שהם לשונות הנזכרים גם אצליהם

**נאָר לדרכינו** [עתה] **וועל איך צוריקקומען** [לענין דלעיל] **פריער וואָס כ'האָב געזאָגט,** [כי] **אַז ס'איז דער זעלבער לשון איז אֵין קטיגור נעשה סניגור.**

[דלפי זה יש להוסיף], **קאָן טאַקע זיין** [אז] **מ'האָט טאַקע** [בעצם] **נישט 'געטאָרט' אויך נישט.**

**קמח**

**ווייל** [וויבאַלד] **ס'איז געווען אַ מציאות צו זאָגן אַז דעס לשון, זיי האָבן געברענגט קרבנות לאלהים** [אחרים], **צו זייער אָפּגאָט דאָרט, צו זייער עבודה זרה'ס, מיט די לשונות טאַקע האָבן זיי דאָך אויך מקריב געווען קרבנות און געברענגט, האָט מען שוין דעס לשון נישט געטאָרט נוצן אפילו** [ווען] **מ'האָט געמיינט לשמים.**

**אויסערדעם** [מלבד הטעם שלא יבואו לטעות ולא יהיה לבעל דין פתחון פה לחלוק, הרי גם בעצם הדבר אין לעשות כן, דאם לא כן] **איז טאַקע געווען** [די בחינה פון] **אֵין קטיגור נעשה סניגור** [המבואר בדברי הגמרא קידושין].

**קמט**

ולזה צריך להזכיר רק לשם אשה ריח ניחוח לה', בשם הוי"ה בלבד,
כדי שיהיה בזה ענין הנזכר של מילי דהאי שטרא לחוד ושל האי שטרא לחוד

**נאָר אַז ס'איז געווען פאַרן שם הוי"ה, זאָג איך שוין מילי דהאי שטרא לחוד ומילי דהאי שטרא לחוד, וואָרן אַז ס'איז געווען דירעקט פאַרן שם הוי"ה, און 'דאָס' איז ביי זיי נישטאָ ממילא דעס גאַנצע מין, דער** [שם] **- בשם זה - דאָס איז נישטאָ,** [מיט] **דאָס האָבן זיי זיך נישט באַנוצט, דאָס איז נאָכנישט דאָ ביי קיין שום** [ענין זר], **דאָס איז נאָר מיוחד טאַקע נאָר פאַרן בורא כל עולמים. ממילא** [כשנזכר אצל הקרבנות רק דער שם הוי"ה, איבערדעם איז דאָס] [די בחינה פון] **מילי דהאי שטרא לחוד.**

**קנ**

**איבערדעם ביי קרבנות איז טאַקע אַ קפידא, וואָרן וויבאַלד אַז ס'איז שוין דאָ אַ פתחון פה לבעל דין לחלוק, איז עס שוין נישט גוט** [וכדברי הגמרא מנחות].

[ולדרכינו] **איז עס שוין ניטאַמאָל גוט** [בעצם], **נישט נאָר וועגן דעם כדי מ'זאָל נישט זאָגן, ס'זאָל נישט אויסזען, ווייל ס'האָט אַ מקום לטעות. נאָר** [וויבאַלד] **אַז ס'איז דאָ אַ מקום לטעות, איז שוין** [דאָ אויך דער ענין פון] **אֵין קטיגור נעשה סניגור, 'טאָר' מען עס שוין ניטאַמאָל נוצן לשמים, מ'קען נאָר 'דעס לשון'** [פון שם הוי"ה] **באַנוצן.**

**קנא**

**איבערדעם זענען די אַלע ענינים** [מקושר][קי"ג], **ווי כ'האָב פריער געזאָגט** [לבאר] **די קשיא פון די צוויי זכירות ווי מ'פרעגט** [אין מדרש, ווייל] **אפילו נאָר 'די' לשונות** [שלהם, אין ראוי להשתמש בהם, אם לא במקום דהוא באופן של מילי דהאי שטרא לחוד][קי"ד].

---

[קי"ג] ענין הקרבנות דפרשת ויקרא, וענין הזכירות דפרשת זכור.

[קי"ד] מכאן ואילך חסר על הריקארדינג, והשלמנו בלשון הקודש מהנדפס בדברי יואל ובקונטרס דברות קודש (מרשימות התלמידים).

KolSatmar.com

קנב

## סיום התורה

[תוכן הדברים, כי חייבים להתרחק מן הרשעים כמטחוי קשת, ולא תהא לנו עמהם שום התחברות, כי באם מתחברים עמהם לא יתכן שיצמח מזה דבר טוב, דעל זה אמרו **לא איסתייעא מילתא**, וכן אמרו **אין קטיגור נעשה סניגור**, וכן מבואר באבות דרבי נתן כל המדבק בעוברי עבירה **אף על פי שלא עשה כמעשיהם הרי זה מקבל פורעניות כיוצא בהם**.

קנג

ועל זה היתה תלונת הָמָן הרשע לאחשורוש נגד היהודים, באומרו **ודתיהם שונות מכל עם** (אסתר ג, ח), שהם מופרשים וניכרים במעשיהם משאר האומות, ואין להם התחברות עמהם, ולכן אמר כי **למלך אין שוה להניחם** (שם).

אבל בחמלת הבורא יתברך על עמו נתגלה אז כח הקדושה, **והדר קבלוה ישראל בימי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מאהבת הנס** (שבת פח. ורש"י שם).

קנד

וזה תכלית כח הקדושה, להתגבר על כוחות הטומאה 'והצביעות'.

ובכל דור ודור מתעוררים הנסים והנפלאות שעשה השי"ת לעמו בימים ההם, **תשועתם היית לנצח ותקותם בכל דור ודור** (פיוט שושנת יעקב), שנשאר מאותו הנס תקוה לדורות עולם, וכמאמר הכתוב **והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור**.

ואף שנמצאים בשפל המצב, והכוחות חלושים מאוד, ומרוחקים הרבה מן האמת, **עם כל זאת, מי שעדיין חפץ ומשתוקק ודורש ומבקש את הדרך הנכונה להתדבק בבורא כל עולמים ובדרכי הצדיקים, אזי נשמתו מקושרת עם האמת, והרי הוא מקבל שכר כיוצא בהם**[קטו], **אף בדור השפל הזה**. וכמו שאומרים ותקותם בכל דור ודור].

קנה

## ברכת הקודש

[השם יתברך יעזור שנזכה לראות במהרה הרמת כח הקדושה, והשפלת כוחות הטומאה, והאלילים כרות יכרתון. וכל הכוחות שהם נגד הבורא יתברך יבוטלו כחרס הנשבר, ויהיו בטלין ומבוטלין לא שרירין ולא קיימין, וימחה זכרו של עמלק וכת דיליה, ויתגלה כבוד מלכותו יתברך על כל העולם כולו.

והקדוש ברוך הוא יאיר עיני ישראל, ונזכה לראות בישועת כל ישראל ושמחתן, בהתרוממות קרן התורה וישראל, ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן].

---

[קטו] כמו הצדיקים שהוא מתדבק בדרכיהם.

KolSatmar.com